אז דוד פינסקי איז עולה געווען קיין ישראל אין יאר תש"ט (1949) האט מען אים אראנזשירט א פריינטלעכן קבלת־פנים אין דער רעדאקציע פון „דבר". צו זיינע חברים, די זשורנאליסטן, האט פינסקי געזאגט ביי דער געלעגנהייט: „אינני זר בתוככם ואינני רוצה להיות זר. בנעורי כתבתי עברית, הייתי מזכיר אגודת חובבי שפת עברית, הייתי מזכיר אגודת חובבי שפת עבר במוסקבה והתהלכתי ברחובותיה ומדבר עברית בהברה אשכנזית"; דאס הייסט אויף יידיש: „איך בין צווישן אייך נישט קיין פרעמדער און איך וויל נישט זיין קיין פרעמדער. אין מיינע יונגע יארן האב איך געשריבן עברית, איך בין געווען סעקרעטאר פון „אגודת חובבי שפת עבר" אין מאסקווע, בין ארומגעגאנגען אין אירע גאסן און האב גערעדט עברית מיט דער אשכנזישער הברה".

אין זיינע זכרונות „פון מיין לעבנס־בוך" דערציילט דער באוואוסטער העבראישער שרייבער ראובן בריינין וועגן זיין טעטיקייט אין מאסקווע ביי די „חובבי ציון" און אין דעם העברעאישן פאריין „שפה ברורה" אין די ניינציקער יארן פונם ניינצנטן יארהונדערט. און אט דאס דערציילט ער דארט וועגן יונגען דוד פינסקי:

„דער פאריין פלעגט אפהאלטן אלע זיינע פארזאמלונגען אין דעם „מנין" פון די „חובבי ציון", וואס האט זיך געפונען אויף דעם „סטאראיא פלאשטשאד", ווייט פאררוקט אין א הויף, וואס האט געהערט צו א געשמדטן יידן, מיטשינער. דארט האט זיך אויך געפונען א קליינע העברעאישע ביבליאטעק, וואס איז געווען אפן טאג און אוונט פאר יעדן. צו יעדער צייט האט מען דארט אנגעטראפן באזוכער. די דאזיקע קליינע ביביליאטעק איז געגרינדעט געווארן מיט דער הילף פון אוסישקין און פון מיר. קיין באצאלטער ביבליאטעקאר אדער אויפזעער אין ניט געווען. די יונגע חברים פון דער „שפה ברורה" האבן פארוואלטעט מיט דער ביב־ליאטעק פרייוויליק. יעדן טאג אנאנדערער. די ערשטע צייט פלעג איך אליין אפט באזוכן די ביבליאטעק צו ברענגען זי אין ארדענונג און באקענען זיך מיט די באזוכער און זייערע גייסטיקע באדערפנישן. צווישן די אנאנימע באזוכער האב איך דאן געטראפן אייניקע יונגעלייט, וואס האבן מיך פאראינטערעסירט. זיי איז נאכדעם באשערט געווען צו שפילן א ראל אין דער ליטעראטור, אדער אין דעם עפנטלעכן לעבן. איינער

פון זיי איז געווען דוד פינסקי ער איז דאן אלט געווען זיבצן יאר. ער איז געווען א זייער לעבעדיקער און אינטערעסאנטער בחורל. ער האט געקענט גאנץ גוט העברעאיש, און האט פלייסיק שטודירט די העברעאישע גראמאטיק, דקדוק. זיין יוגנטלעכער טרוים איז געווען צו ווערן א העברעאישער שריפטשטעלער. ער האט פיל געלייענט, איז געווען רייך אין פאנטאזיעס, אין וויזיעס, טעמפעראמענטפול, באוועגלעך און מענטשנפריינטלעך. דוד פינסקי און זיין פריינט און חבר אברהם אמסטערדאם (מיין שפעטערדיקער שוואגער) האבן מיר פרייוויליק ארויס־געהאלפן אין דער טעכנישער ארגאניזאציע־ארבעט און אינם לייען־זאל.

ביידע, אמסטערדאם און פינסקי, זענען געווען פארליבט אין ציון און אין דער העברעאישער שפראך, ביידע באגייסטערטע טרוימער און אפפער־וויליק.

דורך זייביידן בין איך געקומען אין באַרירונג מיט דער יידישער יוגנט פון צווישן די מאסן.

ביידע האבן זיי געווארבן נפשות פארן ציוניזם און פאר דער העברע־אישער ליטעראטור צווישן זייערע יוגנטלעכע פריינט און באקאנטע.

דוד פינסקי איז געווען א קינסטלער־נאטור, א צארטע נאטור און פלעגט זיך באַרוישן מיט שיינע ווערטער, מיט קלינגענדיקע פראזן און געשוועבט, געפלאטערט אין א צויבער־וועלט. דאס שיינע, בויגזאמע, זינגעדיקע און קלינגענדיקע ווארט איז געווען זיין עבודה, זיין קולט; אמסטערדאם איז געווען א פלאם־פייערדיקע רעוואלוציאנערע נאטור. מעשים, טאטזאכן האט ער געוואלט און זיך טעגלעך פאר עפעס מקריב זיין. אט די ביידע יוגנטלעכע חברים האבן אריינגעבלאזן א פרישן, דעמאקראטישן און פאלקסטימלעכן גייסט אינם ציוניסטיש־העברעאישן קרייז.

★

דוד פינסקי

מזל טוב!

דאס גאולה־וואונדער איז געשען! מזל טוב! אויסגעלייזט איז ישראל אין לאנד ישראל! וואס דורות און דורות יידן האבן געוואלט, אויף וואס דורות און דורות האבן געווארט און געהאפט, אין וואס זיי האבן אזוי שטארק געגלויבט, איז מקוים געווארן. וואויל אונדז, וואס מיר האבן דאס דערלעבט!

ישראל טרעט ווידער אריין א פאלק צווישן פעלקער, א זעלבסטשטענדיק פאלק אין זיין אייגענעם לאנד, ער טרעט אריין מיט א שלום־האנט, אויסגעשטרעקט צו זיינע שכנים, מיט שלום און ברכה צו דער גאנצער וועלט. די שכנים ענטפערן מיט מלחמה און צווינגען אים צו ענטפערן זיי מיט טויט און פייער. ער ווערט געצוואונגען אויסצוקויפן זיין לאנד מיט זיין בלוט. „בדמיך חיי!" — דורך זיין בלוט זאל ער קומען צו זיין פרייעם פאלקסלעבען. די מלחמה וועט באלד אריבער, און דאס פרייע פאלקסלעבן וועט זיך אנהייבן. געלייטערט און געררייניקט, מיט א נייעם הארץ און א נייעם גייסט וועט דאס באפרייטע פאלק ישראל אין דעם באפרייטן לאנד ישראל וועבן זיין לעבן מיט די פעדים, וואס זיינע וואונדערלעכע נביאים האבן אויסגעשפינט פאר אים פאר דער וועלט. א לעבן פון צדק, פון ליבע און שלום, פון פרייהייט און גלייכהייט. א מוסטערלעבן פאר אלע יידן, וואס וועלן נאך בלייבן אין דער צעשפרייטקייט, א ליכט אויף זייער וועג. וואס עס האט דעם יידישן פאלק וועגן פארגעשוועבט, וועט אים אין זיין באנייטער זעלבסטשטענדיקייט ווערן דערגרייכונג. לאנג לעבן זאל ישראל! לאנג לעבן זאל דאס אויפגעלעבטע פאלק אויף זיין אויפגעלעבטן לאנד!

★

דער אויפשטאנד

פינף יאר נאך דעם אויפשטאנד, און מיר האבן זיך דערמאנט, אז דער 19־טער אפריל איז א יזכור־טאג. מיר וועלן זיך דערמאנען, ווען עס וועט ווערן צען יאר, און פופצן יאר, און גאנץ באזונדערס ווען עס וועט ווערן פינף און צוואנציק יאר. מיר זיינען א יובל־פאלק און מיר ליבן די ציפערן, וועלכע קאנען אנגיין פאר יובל־יארן.

דער טאג פון דעם אויפשטאנד אין ווארשע — דער איינציקער יידישער אויפשטאנד קעגן דייטשישער בעסטיאליטעט, וואס איז פארגעקומען פאר די אויגן פון דער וועלט — האט געדארפט ווערן א יאר־טאג. ווי א חנוכה־טאג.

ער איז געוועזן דער אויפשטאנד פון שוואכע קעגן שטארקע, פון א הייפל קעגן א סך, פון צדיקים קעגן רשעים, פון טהורים קעגן טמאים, פון תורה־לערנער קעגן בעסטיעס. זיי זיינען אלע אומגעקומען, אבער זיי האבן געזיגט, ווייל זיי האבן געשטארקט דאס יידישע פאלק־באוואוסטזיין.

זיי האבן געוואוסט, אז זיי וועלן אלע אומקומען. זיי האבן געוואוסט, אז זיי וועלן די טויערן פון געטא נישט איינברעכן און אין פרייען דרויסן

נישט ארויסרייסן זיך און עס איז גאר נישט געווען פאר זיי קיין פרייער דרויסן: די וועלט הינטער די טויערן פון געטא איז פאר זיי געווען א וועלט פון שטעכיקן דראט, פון שנאה און פאררעט, אין וועלכער זיי האבן זיך נישט געקאנט ריכטן אויף רעטונג און זיכערקייט. עפעס איז געווען אין דעם אויפשטאנד פון „תמות נפשי עם פלשתים" — מיר א טויט און אים א טויט! אבער נאך מער איז ער געווען אויסגעפולט מיט דער הייליקער באגייסטערונג פון א קידוש השם. דער ווילן צו הייליקן דעם נאמען פון דעם יידישן פאלק.

די דייטשישע אוממענטשן האבן גערופן די יידן „לייז" און „ווערים" און „מיסט", וועלכע קאנען אזוי לייכט צוטראטן ווערן, און די וועלט וואלט עס זיי נאכגערעדט, ווייל מיליאנען יידן זיינען אזוי לייכט צוטראטן געווארן. דער אויפשטאנד האט באוויזן, אז די יידן זיינען נישט קיין לייז און ווערים און מיסט. איצטער האט זיך די וועלט דערוואוסט, אז מיליאנען יידן זיינען אומגעקומען אין די קאלאכאויוונס און גאזקאמערן, נישט ווייל זיי זיינען לייז און ווערים און מיסט, נאר ווייל זיי האבן געגלויבט אין מענטש, ווייל זיי האבן נישט געגלויבט, אז דאס דייטשישע פאלק, „דאס פאלק פון דיכטער און דענקער", זאל קאנען אראפזינקען צו דער נידעריקסטער מדרגה פון ווילדע חיות רעות. זיי האבן זיך געלאזט פון אים נארן, געגלויבט זיינע פארזיכערונגען, אנגענומען זיין ווארט. אפגעשלאסן פון דער וועלט האבן זיי נישט געקאנט וויסן דעם פולן אמת. שולדיק זיינען די וויסער, וואס האבן געהאט מעגלעכקייטן צו לאזן זיי וויסן און האבן עס נישט געטאן.

דער אויפשטאנד האט אראפגענומען פון די מיליאנען שטומע יידישע קרבנות דעם פארוואורף אין מוטלאזיקייט און נבזהדיקער פחדנות, באפרייט זיי פון דער פאראכטונג, וואס גייט מיט אזא פארוואורף. די באוואונדערונג, וועלכע ער האט ארויסגערופן, האט אפגעשפיגלט אויך אויף זיי און אויסגעשפרייט זיך אויף דעם גאנצן יידישן פאלק. די וועלט האט אפגעלערנט, אז דאס יידישע פאלק האט נאך א סך העלדן, וואס קאנען זיין א מוסטער פאר אלע פעלקער.

„די גאנצע וועלט", האט יעמאלט געשריבן די „ניויארק טיימס" אין א לייטארטיקל, „שטייט מיט אפגעדעקטן קאפ אין טיפן רעספעקט פאר די מוטיקע מענער, פרויען און קינדער, וואס האבן כמעט מיט ליידיקע הענט געקעמפט קעגן די טאנקען און ביקסן פון דער נאצי־בעסטיע גאנצע פינף און דרייסיק טעג... זיי, די הילפלאזעסטע און האפענונג־גסלאזעסטע פון היטלערס קרבנות, האבן... געגעבן אונדז אלעמען א ביישפיל פון מוט, וואס האט קוים א גלייכן אין דער געשיכטע. די גאנצע

מענטשלעכע ראסע איז שולדיק זיי א חוב פון דאנקבארקייט פאר דער אינספיראציע, וואס זייער זעלבסטאפפערונג גיט דעם קאמף פאר פרייהייט. זיי זיינען ניט געשטארבן אומזיסט... ווען די מלחמה האט דערגרייכט די פינצטערסטע מדרגה, האט דער פלאמענדיקער גייסט פון זייער פוילישער געטא געשיינט ווי א פייערזייל אין דער פינצטערניש פאר אלע, וואס האבן געקעמפט פאר דעם אנקום פון א בעסערן טאג פאר דער גאנצער מענטשהייט״.

ליידער האט די וועלט א קורצן זכרון. זי האט שוין פארגעסן די פייערזייל, און אפילו דער „טיימס״־ליטעראטיקלער קוקט זיך זיכער אויף איר נישט אום. זיי זיינען אומזיסט געשטארבן, זעט מען די באציאונגען פון די פעלקער צו אונדז. צענדליקער טויזנט יידן ווערן נאך געהאלטן אין קאנצענטראציע־קעמפס, פון ארץ ישראל ווילן די פעלקער מאכן א געטא, און דער דייטשישער געשטאנק איז נאך ווייט נישט אויסגערויכערט. אונדזער וועג איז שווער, מיר זיינער ארומגערינגלט מיט פינצטערניש, און דער „אנקום פון א בעסערן טאג פאר דער גאנצער מענטשהייט״ איז נאך ווייט. לאמיר נישט ארויסלאזן פון אויגן די פייערזייל!

ניסן תש״ח, אפריל 1948

★

דער ערשטער מאי

געוועזן אלץ אזוי קלאר: די מענטשהייט איז צוטיילט אויף צוויי לאגערן, קאפיטאל אין איינעם, ארבעט אין דעם צווייטן, און א מלחמה גייט אן צווישן זיי. קאפיטאל האט געהאט די אויבערהאנט, ווייל ער האט געהאט די גאנצע מאכט אין זיינע הענט, די מאכט פון געלט און די מאכט פון באוואפנטע ארמייען. אבער ארבעט האט בלויז געדארפט באגרייפן דעם כוח, וואס ליגט אין איינקייט, און זי האט אנגעהויבן איר גאנג צו זיג און באפרייאונג.

און א סימבאל האט זי זיך אויפגעשטעלט, דעם טאג פון דעם ערשטן מאי. א סימבאל פאר איר ענדציל, א טאג פון קאמף און זיג און אייביקן שלום. אין ליכט פון דעם דאזיקן פרילינג־טאג וועט זי קעמפן און זיגן און איר זיג וועט ברענגען אייביקן שלום אויף דער וועלט. עס וועלן אויפהערן מלחמות צווישן פעלקער, און איבער דער מענטשהייט וועט הערשן דער גייסט פון פרייהייט גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

אזוי האט ארבעט געזען איר קאמף און זיג. די שטענדיק אונטערדריקטע האט אויפגעהויבן איר האנט קעגן יעדער אונטערדריקונג. די דערנידעריקטע איז אויפגעשטאנען צו קעמפן פאר מענטשלעכן כבוד, פאר דער

דערהייבונג פון דעם מענטש. די פארטיילטע און עקספלאאטירטע איז ארויס איבערצובויען די מענטשלעכע געזעלשאפט אויף די יסודות פון סאציאליזם. די רעכט־בארויבטע, האט אויפגעשריבן אויף איר פאן קאמף פאר רעכט און גערעכטיקייט.

וויפיל דערהייבנקייט! וויפיל גרויסע מענטשלעכקייט!

און ארבעט איז געגאנגען פון נצחון צו נצחון. די לאגע פון די ארבעטער איז אומעטום פארבעסערט געווארן. קירצערע ארבעט־שטונדן, בעסערע שכירות, מענטשלעכע באהאנדלונג. מענטש־כבוד איז געשטיגן, די ארבע־טער האבן אויפגעהויבן די קעפ. זיי זיינען מער נישט געזעסן אויף די הינטערבענק פון דער געזעלשאפט מיט שטומער צונג און געבונדענע הענט. זיי האבן געקראגן שטים און אויפגעבונדענע הענט צום שוץ פון זייערע שטרעבונגען און צילן. ארבעטער־יוניאנס און סאציאליסטישע פארטייען — פאראייניקט אלע, איין חייל, איין צוועק, איין ציל. קאמף קעגן קאפיטאל, אפשאפנג פון קאפיטאל און שלום צווישן פעלקער. מלחמה איז דערפינדונג פון רויבערישן קאפיטאל, ארבעט וויל נאר שלום און זי וועט צו מלחמה נישט דערלאזן. הילכיק, העל האבן געקלונגען די ערשטע מאי־לידער פון דעם ארבעטער־קלאס — געזאנגען פון קאמף און זיג און אייביקן פעלקער־שלום...

איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה — דער ארבעטער־קלאס האט זי נישט אפגעשטעלט. ער האט זיך אין איר באטייליקט. ארבעטער קעגן ארבעטער, סאציאליסט קעגן סאציאליסט. פארשעמט געווארן זיינען די שלום־לידער, פארשטיקט געווארן דער אחדות־געזאנג. דער טאג פון ערשטן מאי איז פארוואלקנט און פאראבלט געווארן.

די פעלקער־ליגע האט קיין אייניקייט נישט געבראכט, און די פאראיי־ניקטע פעלקער־ארגאניזאציע, וואס האט געדארפט פארבייטן די פעלקער־ליגע, קאן אפילו צו קיין פאראייניקונג נישט קומען. די שלום־טויב געפינט נאך נישט קיין רו פאר אירע פיס. מלחמה־רויש טראגט זיך נאך אין דער לופט. די ארבעטער טראכטן אפילו שוין נישט מער פון זייער כוח, וואס קאן אפשטעלן מלחמות. דער ערשטער מאי דעמאנסטרירט שוין מער נישט קעגן בלוטפארגאס און פאר אייביקן שלום.

אין לאנד פון דער סאציאלער רעוואלוציע, איז טאג פון ערשטן מאי פאראדירן די מאסן יום־טובדיק אין די גאסן. אבער נישט מענטש קומט דארטן צום אויסדרוק, זיגרייכער מענטש, וואס יום־טובט דעם טאג פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. נאר מאכט. מאכט פאראדירט אין די גאסן, שרעק אנווארפנדיקע מאכט, וועלכע איז אזוי געפערלעך פאר דעם מענטש, וואס וויל פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

די מעכטיקע אמעריקאנער ארבעטערשאפט, וואס קאן אפהאלטן גרויסע נצחונות, האט פארלוירן יעדע באציאונג צום ארבעטער־יום־טוב. זי האט נישט קיין ווייטע צילן און נויטיקט זיך נישט אין סימבאלן פון אחרית־הימים. זי פאראדירט נישט ערשט־מאיעדיק אין גאסן. זי האט עס איבער־געלאזן פאר דער קליינער גרופע קאמוניסטן, וועלכע האלטן שריט מיט דעם סאוועטן־פארבאנד, און פאר די אויסגעדינטע סאלדאטן, וועלכע ווילן ארויסטראגן אין גאס זייער קעמפערישן פאטריאטיזם.

און וואס קאן דער גרויסער טאג באטייטן אין ענגלאנד? די ארבעטער־פארטיי רעגירט און פירט איין סאציאלע רעפארמען, אבער אין דער אייגענער צייט איז זי איינגעשפאנט אין דעם וואגן פון דעם ענגלישן אימפעריאליזם און פירט אים געטריי. וואס פאר־א גרויסע גליקן זי האט צוגעזאגט דעם יידישן ישוב, ווען זי איז נישט געוועזן ביי דער מאכט! ווי האט זי באוואונדערט די הערלעכע יידישע ארבעטערשאפט פון ארץ ישראל! איצטער וואלט זי אן רחמנות איבערגעגעבן דעם ישוב מיט זיין ארבעטער־שאפט אין די הענט פון די אראבישע פעאדאלן, וועלכע האבן אויל צו פארקויפן. דער סאציאליסט בעווין וויל דערשטיקן דעם סאציאליסט בן גוריון אין נאמען פון אויל... וואס פאר א מאוסער ערשטער מאי ספעקטאקל! וועלכע פארבינדונג קאן דארט האבן דער ערשטער מאי מיט דעם אייביקן שלום?

ארעמער וועלט־יום־טוב!

וועט זיין צייט נאך קומען? וועט ער נאך ווערן דער גרויסער טאג פון מענטש־נצחון, פון פעלקער־שלום, פון גערעכטיקייט און פרייהייט?

מיר גלויבן, אז יא. מיר פוז דעם פאלק פון דעם באחרית הימים גלויבן עס. פאר די יידישע ארבעטער איז ער געוועזן און געבליבן דער טאג פון גרויסע האפענונגען אויף ארבעטער און מענטש־באפרייאונג און פעלקער־שלום. דאס איז דער גאר אלטער חלום פון דעם יידישן פאלק. לאמיר אים ווייטער חלומען!

„די צוקונפט״, מאי 1948

שמשון

דריטער אקט, צווייטע סצענע.

(בעת שמשון איז נישט געווען אין דער היים זיינען באפאלן זיין היים די פלשתים פון נחל שורק, געהרגעט זיין מוטער, אוועקגענומען זיין שוועסטער און פארברענט דאס הויז. קומענדיק אהיים און דערוויסנדיק זיך פון די מעשים פון די פלשתים, לאזט ער זיך אוועק נעמען נקמה פון זיי).

א גרויס איינטריט־צימער, מיט טירן רעכטס, לינקס און אינמיטן; די מיטלסטע טיר איז פארהאנגען מיט א גרויסן, שווערן טעפיך. אינמיטן צימער אן עשתרת, איר צופוס א רו־בעט. — — אין צימער איז קיינער נישטא. פון ווייט דרינגט ארײַן שמשונס טריומפירנדיקער קול, וועלכער, ווערט נעענטער און נעענטער, ביז מען הערט זיינע ווערטער דייטלעך.

שמשון (דרויסן): יעדער טראפן פון מיין מוטערס בלוט און יעדע טרער פון מיין שוועסטערס אויגן, זיי ווערן באצאלט! זייערע הייזער וועלן זייערע קברים ווערן און די מזבחות, אויף וועלכע זיי ברענגען קרבנות, וועלן ווערן אש און האלאוועשקעס. א זונס נקמה פאר זיין מוטער. (טרעט אריין אין צימער, מיט א לאנגען מעסער): דאס הויז דא ווארט אויף מיר, וועט באלד ווערן א קבר. עס שמעקט דא מיט פרוי און מיט בשמים, באלד וועט דא שמעקן מיט פארברענטן פלייש. (באמערקט די עשתרת): א געץ! זי גייט ערשטע ארונטער! (מיט איין האנטבאוועגונג ווארפט ער אראפ די סטאטוע) ליג און ווארט, איך וועל באלד צוזאמענטרייבן דיר דיינע פרומע בעטערינס, זאלן זיי פאר דיר בעטן אין זייער פחד. אזוי פיל טירן! פון וועלכער הייב אך אן? מיט דער וועלכע באהאלט זיך אונטער דעם שווערן טעפיך. (נעמט אן דעם טעפיך): אראפ מיט דיר! (דער טעפיך פאלט אראפ, און אין דער אויפגעדעקטער טיר שטייט דלילה, האלב נאקעט. שמשון מאכט א טריט צוריק ווי געבלענדעט פון דער דערשיינונג): א ווייב! האט פלשתים־לאנד אזוינס?!

דלילה: האסט זיך שפעט דערוואוסט, אבער דערוואוסט.

שמשון: האב זיך שפעט דערוואוסט, ווייל איצטער וועל איך איינווארפן דיין שטוב אויף דיר און דערנאך אנצינדן, און דו וועסט ברענען מיט דעם פייער, מיט וועלכן סהאט געברענט מיין מוטער. אבער צוערשט וועל איך נאך זען דיין בלוט.

דלילה: איך זע דעם מעסער אין דיינע הענט, אבער דיין קול איז נישט מער מעסער־שארף און איך זע נישט קיין רציחה אין דיינע אויגן.
שמשון: וואס זעסטו אין מיינע אויגן?
דלילה: אז דו ווילסט וויסן מיין נאמען.
שמשון: אויף וואס דארף איך אים?
דלילה: אויף ארויסצורעדן אים, אבער איך וועל אים דיר נישט זאגן, מיט דעם מעסער פאר מיינע אויגן.
שמשון: וועסט אים האבן אין דיין ברוסט.
דלילה: (טרעט נעענטער צו שמשון און רעדט ווייך ארויס): פארוואס האב איך אים נאך נישט, שמשון?
שמשון: ווי האסטו עס געזאגט?
דלילה: וואס?
שמשון: מיין נאמען.
דלילה: (חזרט איבער, נאך צארטער און באגערנדיקער): שמשון.
שמשון: און ווי הייסטו?
דלילה: לייג אוועק דעם מעסער.
שמשון: (נאך א מאמענט איבערלעגונג): אוועקלייגן איז נישט אוועק־ווארפן. (שטעקט אריין דעם מעסער אין א שיידל און פארשטעקט אים אין זיינע קליידער).
דלילה: איצטער קאן איך נעענטער צוגיין.
שמשון: דיין נאמען?
דלילה: דלי־לה.
שמשון: דלי־לה...
דלילה: וועסט דעם נאמען ארויסרעדן ווייכער און צארטער. קום זיץ מיט מיר.
שמשון: איך שטיי אויפן שפרונג.
דלילה: וועסט דאך נישט אוועקשפרינגען פון מיר?
שמשון: דאס קאן איך יעדע מינוט.
דלילה: ווילסט נישט עפעס טרינקען מיט מיר?
שמשון: נישט טרינקען, נישט עסן.
דלילה: ווי מערקווירדיק דו ביסט! ווייסט, איך האב שוין לאנג געוואלט דיך קענען.
שמשון: בין נישט איבעראשט.
דלילה: האהאהא... איך האב אפט פון דיר געטראכט, האב אפילו געחלומט פון דיר.
שמשון: (בויגט זיך צו איר צו): ווי האסטו מיך געזען אין דיין חלום?

דלילה: מען האט מיר א סך דערציילט וועגן דיר — — ווייל איך האב א סך זיך נאכגעפרעגט. זוי האב איך דיך געוואלט זען.

שמשון: און אט זעסטו מיך.

דלילה: די ביסט מער, ווי דער חלום האט דיך מיר באוויזן.

שמשון: ווי מער?

דלילה: דיין גבורה איז געווארן העלדנליד. אבער קיינער האט מיר נישט געזאגט, ווי שיין דו ביסט.

שמשון: ווען דו וואלסט עס געוואוסט?

דלילה: וואלט איך מיין מורא אין מיר באהערשט און וואלט געזוכט דיך אנציקוקן.

שמשון: און איצטער האסטו מורא?

דלילה: איך ווייס, דו האסט א שארף מעסער ביי זיך און דו ווילסט מיין בלוט זען. דו וועסט איינוואַרפן אויף מיר מיין הויז און מיך מיט אים פארברענען. און איך האב נישט קיין מורא. מיר איז גוט, וואס איך זע דיך, וואס איך שטיי נעבן דיר, קוק אין דיינע טיפע אויגן, פיל דיין אטעם. קאן מיינע הענט ארויפלייגן אויף דיר. (טוט עס).

שמשון: האסט מיך דערמאנט, וואס איך דארף דא טאן.

דלילה: וועסטו טאן, וואס דו דארפסט. אבער אין מיר קלאפט איצטער מיין הארץ. איך האב געזען שמשונען אזוי פון דער נאענט, אזוי נאענט... געהאלטן מיינע הענט אויף אים... ארומגענומען אים...

שמשון: (דרייט זיך אויעק פון דלילה): ניין! איך טראכט פון א שבועה, וועלכע איך האב געשוואוירן.

דלילה: האסטו געשוואוירן וואס קעגן מיר?

שמשון: קעגן די איינוואוינער פון שורק־טאל.

דלילה: האסט דיין שבועה שוין געהאלטן. דריי טעג, ווי דו גייסט ארום אין וואַרפסט־אייַן הייזער, און הרגעסט די איינוואוינער, און פארברענסט זיי מיט די איינגעוואַרפענע הייזער. האסטו געשוואוירן אומצובריינגען גאנץ שורק־טאל?

שמשון: איך האב געשוואוירן צו באשטראפן שווער די פלשתים פון שורק־טאל.

דלילה: דו האסט זיי שוין שווער באשטראפט.

שמשון: איך פיל נאך נישט, אז איך האב שוין.

דלילה: (דריקט זיך צו אים צו): א, שמשון!

שמשון: (ריקט זי אפ פון זיך, קוקט זיך אין איר איין און רעדט ארויס): האט מען דיך אנגעשטעלט, דו זאלסט מיך אפהאלטן אין מיין שטראפער־גאנג?

דלילה: איך שווער דיר, איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבן, נאָר אויף צו זען דיך. איך האָב נישט געזוכט קיין באַהעלטעניש, איך האָב דיך אָפּגעוואַרט. זאָל זיין מיט מיר, וואָס עס וועט זיין, אָבער איך וויל ענדלעך זען דעם וואונדערמאַן.

שמשון: ווי גלאַטצינגיק דו ביסט, שיינע דלילה!

דלילה: פאַרוואָס גלויבסטו מיר נישט, אַ, שמשון? בין איך די ערשטע פרוי, וואָס רעדט צו דיר אַזוי? האָבן זיך פרויען, יונגע און שיינע, נישט געבוקט פאַר דיר?

שמשון: איך האָב נישט געזוכט קיין פרויען און זיי נישט צוגעלאָזט צו זיך.

דלילה: דו האָסט דאָך געהאַט אַ ווייב.

שמשון: אַ פלשתים־מיידל.

דלילה: פון תמנתה.

שמשון: פון תמנתה. ריכטיק. ווי דו ווייסט עס! די פלשתים האָבן זי מיר געהרגעט, אָבער זי לעבט אין מיר. אַ אַנדערע פרוי האָב איך מער נישט געוואוסט.

דלילה: אַ, שמשון!

שמשון: דו גלויבסט מיר נישט?

דלילה: די פרוי פון עזה?

שמשון: די זונה אין עזה... דאָס ווייסטו אויך... איך בין גוט פאַרשריבן ביי די פלשתים.

דלילה: מען געדענקט ווי דו האָסט אַוועקגעטראָגן אַזוי לייכט די טויערן פון עזה, געדענקט מען אויך די פרוי, ביי וועלכער דו ביסט געוועזן יענע נאַכט.

שמשון: איך בין אַנגעקומען אין עזה שפּעט אין אָוונט און געמוזט דאָך איבערנעכטיקן, איר טיר איז געווען אָפן פאַר מיר, בין איך צו איר אַריין.

דלילה: און ביסט דיין ווייב געבליבן געטריי?

שמשון: (ענטפערט נישט, איינעסנדיק זיך מיט די אויגן אין דלילה)

דלילה: (לאַכט פאַרלעגן): וואונדערמאַן!... און שיינער מאַן... מען רעדט פון דיין גבורה, אָבער נישט פון דיין שיינקייט... די קורצזיכטיקע! און מען רעדט פון דיינע לאַנגע האָר. זיי זענען אויף אַלע צונגען, און מען וואונדערט זיך. אַזאַלכע לאַנגע האָר... לענגער נאָך פון מיינע... דער איינציקער מאַן מיט אַזאַלכע לאַנגע האָר? פאַרוואָס טראָגסטו אַזאַלכע לאַנגע האָר?

ש מ ש ו ן: כדי צו זיין דער איינציקער מאן. וואו איך גיי און קום, זאל מען וויסן, דאס גייט און קומט שמשון, דער וואונדערמאן.

ד ל י ל ה : דו לאכסט מיך אויס.

ש מ ש ו ן: איך בין נישט אין דער שטימונג צו לאכן פון דיר.

ד ל י ל ה : וואס איז געשען מיט דיין שטימונג ?

ש מ שון : (שווייגט).

ד ל י ל ה : ווילסט מיר נישט זאגן ?

ש מ ש ו ן: ווען איך וועל אוועקגיין פון דיר, וועל איך מער נישט געדענקן מיין ווייב.

ד ל י ל ה : וואס איז דען געשען ?

ש מ ש ו ן: דו וועסט שטיין פאר מיינע אויגן.

ד ל י ל ה : א, שמשון !

ש מ ש ו ן: דאס האט נישט געטארט געשען. איך בין געקומען דיך צו פארניכטן.

ד ל י ל ה : (גיט זיך א ווארף פאר זיינע פיס) : ליב מיך און פארניכט מיך ! נעם מיך אין דיינע מעכטיקע ארימס און צעדריק מיך. נעם מיך גוט ארום, דריק מיך צו צו זיך, אדער לאז מיך צודריקן זיך צו דיר, ענג, ענג ! לאז מיך איינוויקלען זיך אין דיינע לאנגע האר, און איך וועל דיך איינוויקלען אין מיינע... אזוי פארבינדן זיך מיט דיר, צונויפגיסן זיך מיט דיר, און לאז מיך אפילו אומקומען אין דעם אייזן פון דיינע ארימס.

ש מ ש ו ן: (צובויגנדיק זיך צו איר) : איך וויל נאך קוקן אין דיינע אויגן, איך וויל נאך זיין שטיל מיט דיר... איך וויל איבערלעבן דיך אין מיר... איבערשטילן דיך... (א שטילע פויזע) איך ליב דיך, דלילה.

ד ל י ל ה: (כאפט ארום זיינע קנעכל, דריקט זיך צו צו זיי).

ש מ ש ו ן: האב איך דיר געזאגט, אז איך ליב דיך ? איך טאר עס גאר־נישט (הייבט זיך אויף, האלט זי פאר זיך אין דערליפטן) : זאל איך דיך נישט צעשמעטערן ? א, דלילה ! (שטעלט זי אוועק, כאפט זי ארום און עסט זיך איין אין איר מיט א קוש).

באמערקונג

„שמשון״ איז פון דוד פינסקיס איבערגעלאזענע כתבים. ער האט די פיעסע עטליכע מאל איבערגעשריבן און געמאכט ענדערונגען, נאר דער סוף איז געבליבן ווי פארן איבערשרייבן.



דוד פינסקי וידידיו על סיפון אניה בנמל חיפה בבואם לקבל את פני מלך ראוויטש ורחל אייזן שהגיעו מקנדה. — דוד פינסקי מיט פריינט אויף א שיף פארט פון חיפה באגריסן די פון קאנאדע אנגעקומענע דער דיכטער מלך ראוויטש און חנה אייזען.

מימין לשמאל. — פון רעכטס אויף לינקס: רחל אוירבך, מלך ראוויטש, י. סוצקובר, דוד פינסקי, רחל אייזן, מניה זינגר, י. רוזנברג (מחלקת העליה של מועצת פועלי חיפה), מנדל זינגר, שלמה זרחי.

ל. קעניג

דוד פינסקי אין ישראל

א

איך געדענק, ווי אפּאטאשו, ע״ה, האט מיר דערציילט, ווי די מאטראסן האבן אים מיליטעריש סאלוטירט, ווען ער איז אראפּ פון דער ישראל שיף אין חיפה.

מיט גרויס דרך־ארץ און אכטונג האט מען אויפגענומען לייוויקן, אהרון צייטלין און מאנגערן מיט אמתער, ספּאנטאנער ליבשאפט. ווייל מיר טארן ניט פארגעסן אז א סך, אויב ניט די מערהייט, פון די זשורנאליסטן, פּובליציסטן און שרייבער איבער ליטעראטור אין דער ישראל־פּרעסע זיינען אמאל, איידער זיי האבן געטראגן זייערע היינטיקע

העברעאישע נעמען, וואס מען וואלט פון זיי געקענט מיינען, אז זיי זיינען סאבראס בני סאברעס, געווען זייער נאענט צו דער פויליש־יידישער פרעסע און ליטעראטור און אפשר אליין זיך געוואלט דרוקן און זיך געדרוקט אין יידיש. זיי האבן זיך אפשר דערצויגן אויף די ערשט דערמאנטע א״א יידישע שרייבער ניט ווייניקער ווי אויף עגנון און בורלא און דאס איז אויך אוודאי גילטיק בנוגע א סך פון די הויכע באאמטע אין דער הסתדרות. איז דאך פארשטענדלעך אויך די וואַרעמקייט מיט וועלכער די בארימטע יידישע שרייבער ווערן דא אויפגענומען.

און אונדזער פינסקי — פינסקי עליו השלום פלעגט ליב האבן זאגן „אונדזער״: אונדזער מדינה, אונדזער בן־גוריון, אונדזער נשיא, אונדזער אבא חושי אאז״וו. — האט זוכה געווען צו פארנעמען אין ארץ ישראל דעם אויבנאן, וואס קיין העברעאישער שרייבער האט נאך ביאליקן ניט פארנומען.

און ס׳איז פארשטענדלעך, פארוואס אט דער יידישער קלאסיקער דוד פינסקי איז געווען אזוי פאפולער און באליבט אין ישראל: אויסער זיין שם אלס דראמאטורג, (כמעט דער גאנצער נאציאנאלער רעפערטואר פון דער „הבימה״ באשטייט פון דריי פיעסן: אנסקיס „דבוק״ פינסקיס „אייביקער ייד״ און לייוויקס „גולם״) איז ער געווען באליבט פאר זיינע דערציילונגען פונעם יידישן ארבעטער־לעבן, און אויך אלס אלטער חבר און פירער פון די פועלי־ציון אין אמעריקע און פרעזידענט פונעם ארבעטער־פארבאנד, וועלכער האט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף די יידישע פאלקס־און ארבעטער־שיכטן אין אמעריקע; מען קען זאגן אז דוד פינסקי האט מער ווי וועלכער אנדערער יחיד רעפרעזענטירט און אויסגעדריקט דעם דעת הקהל און די סענטימענטן פון דער נאציאנאלער יידישער ארבעטערשאפט אין אמעריקע. ער איז געווען זייער שטימע. מיט זיין פיסנער פשוטער יידישער שפראך האט ער אויסגערעדט זייער שטאלץ און פרייד מיט דער יונגער יידישער מלוכה.

ער איז געווען דער אלטער, געטרייער חבר פון די עלטסטע און פראמינענטסטע פירער פון די ארבעטער פארטייען אין ישראל, ד״ה פון די רעגירנדיקע פארטייען אין ישראל, און זיי האבן נאטירלעך פארשטאנען ווי אפצודאנקען אים פאר זיין פערזענלעכער גאסט־פריינדלעכקייט, מיט וועלכער ער פלעגט זיי אויפנעמען אין ניו־יארק און פאר זיינע גרויסע לייסטונגען פאר ארץ ישראל. און נאך מער אפשר פאר די גרויסע לייסטונגען אלס שריפטשטעלער, זשורנאליסט און „בראדקאסטער״, ווען ער האט זיך באזעצט אין ישראל אין 1949 און געווארן אן ערנבירגער פון חיפה.

און נאך א גרויסע מעלה האט ער געהאט, וואס האט אים זייער פאפולער געמאכט אין לאנד: ער איז שוין געווען נאענט צו די אכציק, ווען ער האט זיך באזעצט אין לאנד און איז געווען א שיינער, עלעגאנטער זקן. א גוטע פיגור, גוט, עלעגאנט אנגעטאן, ווייסע זילבערנע האר, א שווארצע הוט אויף א זייט א ביסל („נא בעקרען") האט ער געכאפט דעם אנבליק פון אן אייראפעאישן שוישפילער. און געגאנגען פלינק, רירעוודיק, ער איז געווען שטאלץ מיט זיין שיינער אקטיווער, יונגער עלטער.

און דוד פינסקי איז געווען די צירונג פון אלע פלאטפארמעס ניט נאר אין חיפה, נאר אויך אויף אלע אפיציעלע און האלב־אפיציעלע באנקעטן איז דוד פינסקי געווען צווישן די ערשטע איינגעלאדענע ערן־געסט.

מוריה 91 איז באזוכט געווארן פון די סאמע העכסטע פערזענלעכקייטן און רעגירונגס־פארשטייער, בארימטע שריפטשטעלער און ארבעטער־פירער פון אמעריקע און פון לאנד האבן עס געהאלטן פאר אן אנגענעמען חוב צו באזוכן פינסקין און ספעציעל קומען קיין חיפה צוליב דעם (און מיר טארן ניט פארגעסן, אז דער קולט פון יעראַרכיע און „פראוון שטאט" ווערט דא שטארק אפגעהיט ווי אפשר אין אלע יונגע מלוכות, ווי ביי אלע פעלקער, וואס האבן ערשט דערגרייכט זעלבסטשטענדיקייט און מלוכה־סטאטוס...), אבער אונדזער פינסקין פלעגט מען דאָ ערן און באהאנדלען ווי ער וואלט געווען א ריש גלותא — א פרינץ פון דער דיאספארא, וועלכע האט אזוי פיל געהאלפן אין דער בויאונג־ארבעט פון דער מלוכה און איז געקומען אין דער זילבערנער עלטער זיך באזעצן אויפן כרמל און ווייטער דינען מיט ליבשאפט און טיפן תמימות־דיקן גלויבן דער מלוכה און דעם באנייטן און באיונגטן פאלק ישראל.

ב

דוד פינסקיס לעצטע יארן אין ישראל (ביז זיין קראנק ווערן אין 1956) איז געווען דער אפאטעאָס פון זיין לאנג־יאריקער ליטעראַרישער קאריערע; די גליקלעכסטע יארן אלס שריפטשטעלער האט ער דערלעבט און אויסגעלעבט זיך אין דער יונגער מלוכה ישראל. פון זינט דעם טויט פון ביאליק און טשרניחובסקי האט קיינער פון די העברעאישע דיכטער און שריפטשטעלער (אפילו ניט זלמן שניאור עליו השלום צוליב זיין קריגערישן טעמפעראמענט, אפשר) ניט פארנומען די נאציאנאלע פאזיציע, דעם ליטעראַרישן אויבנאן ווי דער יידישער דראמאטורג און שריפטשטעלער דוד פינסקי. און מען קען זאגן אז ס'האט אים אי געפאסט אי סאיז אים גע־קומען דער אויבנאן אין ישראל. זיין יארן־לאנגע טעטיקייט אלס לייטנדיקער

פועל־ציון און רעדאקטאר פון פועלי־ציוניסטישע ארגאנען אין אמעריקע, אלס איינער פון די לייטנדע פירער פון דער נאציאנאלער און ציוניסטיש־געשטימטער יידישער ארבעטערשאפט אין אמעריקע; א לאנגיאריקער קאלעגע און פריינט פון די גרינדער און לייטער פון מפא״י און דער הסתדרות, ד״ה פון די רעגירונג־קרייזן אין ישראל, און ועל כולם א יידישער קלאסיקער, אויף וועמנס ווערק זיי האבן זיך דערצויגן און אויסגעוואקסן — טא ווער פון די העברעאישע און יידישע שריפטשטעלער, וועלכע האבן זוכה געווען צו זען דאס אויפקומען פון דער יידישער מלוכה, האט געקענט פארנעמען דעם ערן־פלאץ, וואס דוד פינסקי האט פארנומען אין ישראל ביז די לעצטע דריי יאר פון זיין טראגישער קראנקייט.

מיט איין אויסנאם (פון דעם אלטן לערער דר. באגראטשאוו אין תל־אביב) האט נאר אונדזער דוד פינסקי זוכה געווען ביי זיין לעבן צו האבן א גאס אויף זיין נאמען אין חיפה. און ער איז אויף זיין שטייגער אזוי באשיידן־שטאלץ געווען אויף זיין „רחוב דוד פינסקי״.

ווען ער איז נאך געזונט געווען און מיר פלעגן ניט זעלטן שפאצירן אויף דער מוריה גאס און די זייטיקע געסלעך פלעג איך אים אפט רייצנדיק פארשלאגן מיר זאלן דורכשפאצירן אויף רחוב פינסקי, פלעגט ער זיך ניט באקוועם, כמעט ווי פארשעמט, אפזאגן. מיך מאט דעמאלט שטארק אינטערעסירט די שפילענדיקע טעמע: „א שפאציר מיט פינסקין אויף רחוב פינסקי״. ס׳האט מיר אויסגעזען זייער פיקאנט צו שפאצירן מיט א מענטשן, מיט א שריפטשטעלער, אויף א גאס, וואס טראגט זיין נאמען און נאך רייצן זיך מיט אים ווען די פארבייגייער, וואס וועלן אים זיכער באמערקן, ווייל ער איז אזא שיינער מאן, וועלן אבער ניט וויסן זיין נאמען. אבער מיר איז ניט באשערט געווען „צו כאפן אים אויף זיין גאס״.

ג

דוד פינסקי האט געוואוסט און הנאה געהאט פון דער אויסערגעוויינ־לעכער ערן־פאזיציע, וואס ער האט פארנומען אין ישראל און איז דאך ווי באשיידן געווען און איז אוודאי געבליבן דער פאלקס — (ניש פאלקסטימ־לעכער) קינסטלער און פאלקס־פריינד און פריינד פון יידישע ארבעטער.

ער האט הנאה געהאט פון דער גדולה, ווי פון א פארדינטער קרוינונג פון א לאנג־יאריקער שריפטשטעלערישער קאריערע. ווייל פינסקי איז געווען פאפולער. ער איז געווען א קלאסיקער ביים לעבן. זיין יאנקל דער שמיד, פאמיליע צבי, דער אוצר, דער אייביקער ייד, באלאנגען נאך עד־היום צו דעם קלאסישן רעפערטואר פון דעם יידישן און העברעאישן

טעאטער. ער האט באלאנגט צו די בארימטע נעמען, וועלכע פולן אויס שטענדיק אונדזערע ענציקלאפעדיעס, יום־טובדיקע אויסגאבעס און ביילא־געס פון אונדזערע צייטונגען. און דאך איז ער קיינמאל ניט געווען א ליבלינג, א פאווארעט פון אונדזערע אפיציעלע און ניט־אפיציעלע קריטי־קער, וועלכע זיינען ווי ס׳איז באוואוסט כמעט אלע „היי־בראו" (ביי אונדז אפשר נאך מער ווי אין אלע ליטעראטורן...) און האבן ליב „יום־טובדיקע", הויך טעמאטישע און הויך פראבלעמאטישע שרייבער, ביי וועלכע זיי קענען ארויסווייזן זייער גרויסע אנאליטישע און אינטעלי־גענטישע חריפות, וועלכע אפעלירט ס׳ריב צו דעם „אינטעליגענטן" לעזער, וועלכער איז, אגב, ניט שטענדיק דער בעסטער לעזער.

די סאמע „אויסדערוויילטסטע" יידישע דיכטער ביי אונדזערע קריטיקער זיינען געווען י. ל. פרץ, שלום אש, און — לייוויק. פארשטייט זיך, אז ס׳זיינען געווען נאך אויסדערוויילטע אדער האלב־אויסדערוויילטע שרייבער אין דיכטער ווי בערגעלסאן, ווייטער, איינהארן און אפאטאשו אין דער תקופה פון די „פוילישע וועלדער".

און צו די שרייבער, וואס האבן בשעתם, ניט געהאט קיין מזל ביי אונדזערע קריטיקער זיינען געווען ניט קיין קלענערע ווי שלום עליכם, אברהם רייזען, ווייסענבערג, ראבאי, מאני־לב, און דוד פינסקי. פארשטייט זיך, אז דער ביים לעבן פון אונדזערע קריטיקער געקריוודעטער שלום עליכם איז נאכן טויט פון זיי שטארק דערהויבן געווארן, אבער פילאסאפירן איבער אים האט מען ניט אזוי געקענט.

און דאס מערקווירדיקע: דער בארימטער, דער פאפולערער, דער קלאסיקער ביים לעבן דוד פינסקי האט ניט געהאט קיין מזל צו אונדזערע קריטיקער, ניט קוקנדיק אפילו אויף זיין ראמאנטישער טעמאטיק: ער האט אנגעהויבן מיט פשוטע רעאליסטישע דערציילונגען און פיעסעס פון ארבעטער־לעבן און איז אריבער גיך צו א נאציאנאל־ראמאנטיש־רעאליסטישער טעמאטיק.

ס׳איז מערקווירדיק: קיינער אפילו פון אונדזערע באוואוסטע „יום־טובדיקע" שריפטשטעלער האט ניט געשריבן מער פיעסעס ווי פינסקי אויף דער טעמע פון גאולה און משיחיזם; ווער נאך ווי פינסקי קען זיך בארימען מיט א גאנצן באנד דראמען „משיחים" (אין וועלכן עס גייען אריין זיינע טרגעדיעס — דער אייביקער ייד, רבי עקיבא און בר כוכבא, שלמה מולכו און דוד הראובני, און שבתי צבי און שרה (די לעצטע דריי פינף אקטיקע טראגעדיעס) — אן אוצר, דאכט זיך, פאר קריטיקער, וואס זיינען אזוי היימיש מיט דער נאציאנאל־ראמאנטישער טעמאטיק, וואס פרץ האט אפשר דער ערשטער אריינגעבראכט אין דער

יידישער ליטעראטור. — און דאך איז אונדזער קריטיק געבליבן קאלט צו פינסקין, נייטראל. קיין ליבלינג פון די קריטיקער איז ער קיינמאל ניט געווארן. און דוד פינסקי האט אפשר, ניט ווילנדיק, געמוזט צושטיין צו דער גלארייכער פלעיאדע יידישע שרייבער וואס אונדזער „הייבראו״ קריטיק האט זיך אונטערגעקווענקלט וועגן זיי צו שרייבן: שלום עליכם, רייזען, ווייסנבערג, מאני־לייב א״א, וועלכע זיינען, ווי ס׳איז באוואוסט ניט פאררעכנט געווען ביי אונדז צווישן אונדזערע „הייבראו״ קינסטלער.

ניט דא איז דער פלאץ ברייטער צו אנאליזירן, פארוואס פינסקי איז ניט קוקנדיק אויף אלע זיינע „משיחים״ און אנדערע ווערק אויף נאציאנאל־ראמאנטישע טעמעס, דאך ניט געווארן געגנוג אייגן און נאענט דער יידישער קריטיק (אן אויסנאם איז געווען אין דעם פרט מינקאוו ז״ל וועלכער איז געווען א גרויסער פארערער און פארשער פון דוד פינסקי); ס׳קאן זיין, אז דוד פינסקי האט ניט געקענט זיין ראמאנטיש אפילו ווען ער האט געוואלט. ער האט געהאט פאנטאזיע, אבער אויך זיין פאנטאזיע איז ערדיש, פוס־גייעריש.

ער איז אפשר אפט געווען צו פיסנע אין זיין פראזע, אין זיין שרייבן, און דער רוב קריטיקער און אינטעליגענטע לעזער (פון וועלכע קריטיקער שטאמען) האבן דווקא ליב זייער פראזע שטארק אנגעשמירט מיט פוטער, שמאלץ און האניק, וואס מען נעמט עס אפט אן פאר הויך קינסטלעריש (און אמתע, גוטע שעפערישע פראזע צייכנט זיך אויס מיט אמתער פאעזיע אפטמאל מער ווי פארמאליסטישע פאעזיע, לידער).

ס׳קאן זיין אז אונדזערע צוקונפטיקע טעאטער־דירעקטארן און קריטיקער וועלן געפינען אין דוד פינסקיס טראגעדיעס מער טעאטער מעגלעכ־קייטן, מער לעבעדיקן מאטעריאל פאר טעאטער פארפולונג ווי אין א סך פון די מער דערפאלגרייכע און געלויבטע פיעסעס.

אבער דער פאקט בלייבט: ער איז ניט געווען פון די צעבאלעוועטע און צעפיעשטשעטע בארימטע יידישע שרייבער, נאר פארקערט פון די געקריוודעטע, פון די ניט דערשאצטע צווישן אייניקע וואס זיינען געווען איבערגעשאצט. און ער האט דערפון געליטן...

מען קען זאגן אז ער האט דאס גאנצע לעבן געזוכט זיין קריטיקער און זיין אמתע אנערקענונג, וואס יעדער קינסטלער זוכט און... געפינט זעלטן...

ד

ביז ער איז געקומען באלד אן אכציקער קיין ישראל און די ערשט געבוירענע יידישע מלוכה האט אים אויפגענומען ווי זי האט קיין אנדערן

עולה ניט אויפגענומען. זי האט אים אויפגענומען ווי א לעצטן מאהיקאנער. די לעצטע גרויסע מייסטער פון דער העברעאישער און יידישער ליטע־ראטור זיינען אין דער געבאטענער, אפיציעלער פארמירטער יידישער מלוכה ניט אריינגענומען. די איינציקע צוויי קאנקורענטן אויף אפיציעלער גרויסקייט שלום אש און זלמן שניאור, עליהם השלום, האבן געהאט „פגימות״; און אונדזער דוד פינסקי איז געווען אן א פגימה.

און דוד פינסקיס ראל אין דער יונגער מלוכה ישראל איז באלד ביי זיין קומען געווען א פילפאכע: פון א ריש גלותא און אן ערן־בירגער, א בארימטער יידישער שריפטשטעלער, וועלכער האט אפשר געדעקט מער שטח, באדן, יידישע ליטעראטור־געשיכטע ווי סיי וועלכער יידישער שריפטשטעלער; און א פריינד און א חבר פון די לייטנדיקע פירער פון די רעגירנדע ארבעטער־פארטייען אין ישראל... א שיינער יונגער אין שעפערישער זקן, וואס שרייבט כמעט אלע חודש א נייע דראמע, א נייע דערציילונג, און זעצט פאר זיין זשורנאליסטישע טעטיקייט אין אמע־ריקע און זיינע שמועסן אויף קול ישראל. און א שיינער אלטער, פול מיט דערפארונגען און זכרונות און מיט דער נאאיוויטעט פון א יונגען דיכטער. (מיט וואס פאר אן ענטוזיאזם, כמעט שוישפּילעריש, פלעגט ער פארלעזן זיינע דראמעס אין יידיש). און ער איז געווען א צירונג פון אלע וויכטיקע פלאטפארמעס אין ישראל. און דאס פאלק האט אים איבעראל געקענט אין ליב געהאט. דער פאפולערסטער ישיש אין לאנד.

און מיט וואס פאר אן אמתער ליבשאפט און גליקלעכקייט ער האט געלעבט יעדע מינוט און רגע פון זיין לעבן אין „אונדזער לאנד, אין אונדזער מדינת ישראל״. מען קען זאגן, אז אין די ערשטע יארן פון זיין באזעצן זיך אין חיפה האט ער געלעבט ווי א פארליבטער. דער געניטער, דערפארענער ניט־זאטער אין יארן, בן שמונים, וועלכער האט געוואוסט פון אנטוישונגען און הארץ־קלעמענישן, ווי יעדער מענטש און שריפט־שטעלער, האט אנגעהויבן פארברענגען יארן אין א מין היפנאטישן „טראנס״, ווי דאס וואלטן ניט געווען סתם יארן, נאר אזעלכע האניק־חדשים און טעג אין די יונגע געליבטע זיינע איז געווען אונדזער מלוכה. ער האט ניט געזען, ניט געוואלט און ניט געקענט זען וועלכע ס׳איז קריטיק, פגימה אין דער יונגער טייערער מלוכה, אין אונדזער שיין לאנד, אירע בערג און טאלן, אירע מיניסטארן — אונדזערע מיניסטארן און פירער. און יעדער טאג איז געווען א יום־טוב אין זיין לעבן. ווען איר זענט ניט געקומען צו אים האט איר אים געטראפן עלעגאנט און ביי דער ארבעט. און ווען איר זענט געקומען צו אים נאך־מיטאג, נאך דער נאך־מיטאג־רו, פלעגט איר אים ס׳רוב געפינען פארלייענענדיק פאר זיין

האדל, וועלכע האט א צייט פאר אים געמוזט אנקומען צו אן אינוואלידן־שטול, אדער זיינע אן אייגענע נייע שאפונג, אדער עפעס פון א קאלעגע. און וואס פאר א קלוגע צוהערערין זי איז געווען.

און ווי טאלעראנט זי איז געווען, ווען ער איז פלוצלונג אוועקגערופן געווארן קיין תל־אביב, ירושלים, אדער ערגעץ אין אן אנדערן פלאץ אין אונדזער לאנד, וואו מען האט געדארפט זיין ווארט, זיין נשיאות אדער סתם אפילו נאר זיין פרעסטיזש.

פארשטייט זיך, אז ס׳זיינען געווען ביי די אלטע אויך מינוטן פון טרויער, ווען מען האט געבענקט נאך די קינדער, און מען האט געלאזט א טרער קיינער זאל ניט זען. אבער פריינט האבן זיי געהאט אזוי פיל. מוריה 91 איז שטענדיק פול געווען מיט געסט פון לאנד און פון אמעריקע. און דער שיינער זקן האט געשפרודלט „געטשעלענזשעט״ מיט ענערגיע. ווי ער פלעגט עס א ווארף טאן מיטן קאפ, ווען עמיצער האט אים געזאגט ער זאל פארזיכטיק אריבערגיין די גאס.

„אז ער לאזט אונדז ניט אלט ווערן״ — האב איך אמאל האלב אין ערנסט זיך געקלאגט פאר א קאלעגע אין חיפה — טאמער מאכט זיך אין איר הייבט אן קלערן, אז איר ווערט שוין אלט, דערמאנט איר זיך אן דעם פינף און אכציק יעריקן פינסקין און איר מוזט זיך אנהייבן האלטן יונג.

פינסקי האט נאך געהאט חשק צו ברעכן דעם רעקארד און איבעריאגן בערנארד שאו.

ה

אין ווען פינסקי האט געקראגן די אטאקע, וועלכע האט אים געלאזט פאראליזירט גאנצע דריי יאר — האט דאס גאנצע לאנד, די יידישע אמעריקעס און די אנדערע תפוצות ישראל — א ציטער געטאן, ווי ס׳וואלט געווען די ריכטיקע מינוט פאר דעם בארימטן שריפטשטעלער צו שטארבן. אלע דאקטוירים, זיינע אייגענע און פון דעם כרמל־שפיטאל, האבן געזאגט אז דאס איז זיין סוף, אז ער קען שוין מער ניט לעבן, אז ס׳איז א פראגע פון שעהן. און ס׳איז אפשר געווען די ריכטיקע שעה פאר אים צו שטארבן: דאס לאנד, די פרעסע, די ראדיא האבן געווארט אויף דער לעצטער נייעס. ס׳קאן זיין אז א פאר גאר הויכגעשטעלטער מיניסטארן האבן געלאזט א ליידיק פלאץ אין זייערע דאטע־ביכלעך פאר פינסקיס לויה. און דוד פינסקי וואלט אפשר געהאט איינע פון די גרעסטע ציווילע לוויות אין מדינת ישראל.

אבער דוד פינסקי האט געהאט א שטארק הארץ. און ער איז ניט געשטארבן, ווען ער האט געהאט די פאר יעדן מענטשן פאטאלע אטאקע, נאר ס׳האט אים גענומען דריי צרות און יסורים לאנגע יאר צו שטארבן. דריי יאר שטארבן איז א שרעקלעכע שטראף פאר די סאמע גרעסטע העלדן .די פחדנותדיקע מענטשהייט קען מוחל זיין און אפילו לויבן לאנגע יארן, (כאטש ניט צו לאנגע), באזונדערס ווען זיי, די לאנג־לעבנס זיינען אקטיוו, אבער לאנג שטארבן קען זי ניט מוחל זיין. זי ווערט עגאצענטריש, אומגעדולדיק. אפילו קינדער קענען ניט מוחל זיין, ווען זייערע עלטערן שטארבן צו לאנג.

דער מחבר פון די יידישע טראגעדיעס איז געשטארבן מיט דעם טויט פון א העלד אין א גריכישער טראגעדיע, וואו דער הויפט־מאטיוו איז דער בלינדער גורל. דער בלינדער גירל האט גענומען נקמה פאר זיין שיינער עלטער.

★★★

ש. שלום

שטערן־שטאדט

יידיש: דוד פינסקי

א שטערן־געוועב איז די נאכט פון דער שטאדט, שטערן אויף ים און יבשה.
עטאזש אויף עטאזשען פון שטערן פארצוימען דעם דרום און צפון — —
סאפירענע בראשקעס פון שטערן דער האפן פון עכו. באדימענט שאסייען
פון אויטא־געשטערן, צו פארשטעדט, אויף רעדער פון אניקס גערוישלאז
געלאפן.

שטערן אין טויזנטער פענצטער און קייטלעך פון שטערן אין גאסן,
שטערן פון האלדזבאנד פון וואונדער, די פערל צוזיפט און צוזייט.
שטערן רובינען אין ווערפן מיט פראמענאד־שטערן געפאסן,
שטערן אגאטן אין כוואליעס פון שיפן, וואס שטערן די פענצטער אין זיי.

א טעמפל פון שטערן גאנץ שטאדט, א מזבח, וואס קטורתט מיט שטערן,
כרמל, הדר און די בוכט און דער הימל — — אלץ שאכטן פון שטערן.
שטערן אומארמען שטערן און טאנצן פארשיכורט אין גרויליקער פראכט.

שטערן — — געשטארבן, געבוירן...געדאנקען, פארלאנגען — — אלץ שטערן.
שטערן צוהעלטע אין בליצן, וואס קוקן אין אויגן פון שטערן
און טיגל פון שטערן, ווי ווערט פון דעם שטערן פון טאג־גאלד די
לייטערונג געמאכט!

מגילת איכה

— דריטער קאפיטל —

יארנלאנג האט זיך פינסקי ארומגעטראגן מיט דעם געדאנק, ווי אזוי צו עפענען מער און מער פארן יידישן לייענער די קוואלן פון אונדזער אלטער נביאות. איינער פון די פרובן אין יארן פון אמאל איז געווען — איבערזעצן דאס שאפן פון די נביאים אויף יידיש, אפהיטנדיק די פארם פון די שאפונגען. אזוי האט ער דעמאלט איבערגעזעצט מגילת איכה, פון וועלכער מיר ברענגען דא דעם דריטן קאפיטעל.

ג.

א. איך בין דער מאן, וואס האט זיך אנגעזען מיט עלנט פון דער רוט פון זיין כעס. אין פינסטערניש, אן ליכט, האט ער מיך געפירט און געמאכט גיין. אזיף מיר נאר קערט און ווענדט ער זיין האנט דעם גאנצן טאג. ב. ביינער מיינע האט ער צובראכן, אפגעצערט מיין פלייש און הויט. באבויט האט ער מיך און ארומגערינגלט מיט סם און מאטערניש. באזעצט מיך אין טיפער פינצטערניש, ווי לאנג שוין טויטע. ג. געצוים האט ער אויפגעשטעלט ארום מיר, איך זאל נישט ארויס; שווערער געמאכט מיין קייט. גאר ווען איך רוף און שריי, פארשטעלט ער מיין תפילה. געצוים פון שטיינער־טאוולען ארום מיינע וועגן, מיינע שטעגן האט ער צוקרימט. ד. דער לויערנדיקער בער איז ער מיר, דער לייב אין באהעלטעניש. די וועגן מיינע צודרייט ער, און האט מיך צופיצלט, מיך עלנט געמאכט. דעם בויגן זיינעם האט ער אנגעשפאנט און מיך אװעקגעשטעלט א ציל פאר זיין פייל. ה. האט אריינגעשאסן אין מיינע נירן די פיילן פון זיין פיילנזאק. הויך געלעכטער בין איך געווארן ביי מיין פאלק, זייער זינגערייי דעם גאנצן טאג. האט מיך זאט געמאכט מיט ביטערקייטן, אנגעפילט מיך מיט ווערמוט. ו. ווי זאמדשטיינדלעך האט ער צושטויסן מיינע ציינער, האט מיך אויסגעקייקלט אין אש. ווערט מיין לעבן פון פרייד פארלאזן, איך האב פארגעסן גוטס. ווייין איך: פארלוירן איז מיין וועלט און מיין האפנונג אויף גאט. ז. זכרונות פון מיין עלנט און צובראכנקייט זיינען סם און ווערמוט. זי געדענקט אבער, מייך זעל, און זינקט אין מיר. זאג איך דאס צו מיין הארץ און דערפאר האף איך: ח. חסדים פון גאט האבן זיך אויסגענומען, זיין רחמנות האט זיך נישט אויסגעלאזן. חזרן זיך איבער אויפסניי יעדן פרימארגן, גרויס איז דיין געטריישאפט. חלק מיינער, גורל מיינער איז גאט, זאגט מיין זעל, דערפאר האף איך צו אים. ט. טריי און גוט איז גאט צו

די, וואס פארלאזן זיך אויף אים, צו דער זעל, וואס זוכט אים. טוט גוט צו ווארטן שטילערהייט אויף גאטס הילף. טוט גוט דעם מאן צו טראגן א יאך אין זיינע יונגע־יארן. י. יתומדיק אליין זאל ער זיצן און שווייגן, ווייל אזוי איז אים באשערט. יאמערדיק זאל ער פארשטעקן אין ערד זיין מויל, אפשר איז פאראן האפנונג. יעדן שלעגער זאל ער אונטערשטעלן א באק, זעטיקן זאל ער זיך מיט חרפה. כ. כלל נישט אויף אייביק פארלאזט גאט. כאטש ער פארשאפט צער, האט ער דאך רחמנות, פול מיט חסדים. כאטש ער פייניקט און פאראומערט מענטשנקינדער, איז עס נישט ביי אים פון הארצן. ל. לייגן אונטער דעם דרוק פון זיינע פיס אלע ערד געבונדענע. לאמען און קרימען א מאנס משפט איז דעם אויבערשטן צואווידער. ליבט נישט גאט צו קריוודען א מענטשן אין זיינע טענות. מ. מען קאן דען און וואס באפוילן און דאס זאל געשען, אויב גאט האט נישט געהייסן? מענטש, קומט דען נישט ארויס פון דעם אויבערשטנס מויל דאס שלעכטס און דאס גוטס? מאג דען א לעבעדיקער מענטש זיך באקלאגן, דער מאן מיט זיינע זינד? נ. נאמער אונטערזוכן אונדזערע וועגן און אויספארשן, און אומקערן זיך צו גאט. נאמיר אויפהייבן אונדזער הארץ און די הענט צו גאט אין הימל. נאכאנאנד האבן מיר געזינדיקט און ווידערשפעניקט, דו האסט נישט מוחל געווען. ס. ׳סט זיך איבערגעדעקט מיט גרימצארן און אונז געיאגט, האסט געמארדעוועט, קיין רחמנות נישט געהאט. ׳סט זיך איבערגעדעקט מיט א וואלקן, קיין תפילה זאל נישט קאנען אדורך. ׳סט אונז מיאוס און מאוס געמאכט צווישן די פעלקער. ע. עס טרערט מיין אויג, ווערט נישט שטיל, הערט נישט אויף. עסווארט, ביז גאט אין הימל וועט אראפקוקן און זען. עס האט מיין אויג מיין זעל באדריקט וועגן די טעכטער פון מיין שטאדט. פ. פראלן אויף אונז אויף זייערע מיילער אלע אונזערע שונאים. פחד און פאניק באפאלט אונז, שטאך און בראך. פליוכען מיינע אויגן טייכן וואסער אויף דעם בראך פון מיין פאלק. צ. צעיאגט זיך אין געיעג נאך מיר ווי נאך א פויגל האבן מיינע פיינט אומזיסט. צושמעטערט האבן זיי אין א גרוב מיין לעבן און באוארפן מיך מיט שטיינער. צוגעדעקט האט מיך וואסער איבער מיין קאפ, איך האב געמיינט, איך קום אום. ק. קלאגנדיק רוף איך דיין נאמען פון טיפסטן גרוב. קוים דערהערסטו מיין קול, באהאלט נישט דיין אויער פון מיין געבעט אין געשריי. קומסט אין טאג, ווען איך רוף דיך; האסט געזאגט: האב נישט קיין מורא. ר. רייסענישן פון מיין זעל, גאט, האסטו גאנץ געמאכט, האסט געראטעוועט מיין לעבן. רבון עולם, האסט געזען מיין קריוודע, משפט מיין משפט. רבון עולם, האסט געזען זייער נקמה־לוסט און אלע זייערע געדאנקען קעגן מיר.

ש. שענדן האסטו זיי געהערט, גאט, אלע זייערע פלענער אקעגן מיר. שעפּטשעניש פון מיינע קעגנער און זייער טראכטן זיינען קעגן מיר דעם גאנצן טאג. שטייען זיי און זיצן זיי — זע, א, גאט! — איך בין זייער זינגערייַ. ת. תבואה פון זייערע מעשים זאל זיין זייער געצאלט, א, גאט! תוכחה־קללות גיס אויס אויף זיי, הארצוויייטיק גיב זיי. תל מאך פון זיי אין דיין גרימצארן און פארניכט זיי פון אונטער דיינע הימלען, גאט!

★★★

אויס גלות...

עס ווערט דיסקוטירט, צי איז אמעריקע גלות. אלעס, וואס געהערט צו א שווערן גלות, פעלט דארטן. אפילו דער צוטשעפעניש פרעמדער איז נישט באנוצט געווארן אויף די יידן אין אמעריקע. אין אלע גלות־לענדער זיינען יידן פרעמדער עלעמענט. זיי זיינען אנגעקומען אין א לאנד, וואס איז פון לאנגע יארן געווען באזעצט פון א פאלק, וואס האט געלעבט זיין לעבן, איינער אליין, און נישט געדארפט קיין שכנים, אדער שותפים, אין זיינע שטעט און זיינע גאסן. יידן זיינען אריינגעקומען נישט קיין געבעטענע, נישט קיין געוואלטע. פרעמדע, וואס זיינען אפט געבליבן אין לאנד קעגן דעם רצון פון דעם פאלק, אונטער דעם שוץ פון א הערשער, וואס האט געהאט זיינע אייגענע חשבונות. אין אמעריקע פאלט פרעמדקייט אוועק. אמעריקע איז נישט געווען באזעצט און באהערשט פון א פאלק פון קדמוניות, נאר פון אנגעפארענע פון אלערליי לענדער. אין אמעריקע זיינען אלע געווען פרעמד. אויב יידן האבן זיך דארט אנגעשטויסן אויף פיינט־ליכקייט, איז נישט ווייל זיי זיינען א פרעמד פאלק, אן ארייַנדרינגער, נאר ווייל זיי זיינען געווען א פרעמדע רעליגיע, וואס מען האט זי פיינט, וואס מען פאראכט זי, פון גאט און מענטשן א פארשאלטענע. די יידן, די ברענגער פון א פיינטלעכער רעליגיע, האבן זיך דארט אנגעשטויסן אן א וואנט פון א מיינונג קעגן דער יודישער רעליגיע, וואס די פארשידענע קריסטלעכע פעלקער־עלעמענטן האבן מיטגעבראכט מיט זיך פון זייערע אלטע היימען, אבער קיינער אין אמעריקע האט זיי קיינמאל נישט געווארפן אין פנים, אז זיי זיינען פרעמדע אלס פאלק. מיט יארן איז געווארן אלץ ליכטיקער, פרייער. יידן זיינען געווארן א כוח אין לאנד. פאליטיש פרייע, גלייכבארעכ־טיקטע בירגער, געזעלשאפטלעך איז נאר די רעליגיע א מחיצה. אויב געזעלשאפטלעך האט דער ייד נישט אנגענעמע באציאונגען, איז עס נישט, וויל ער איז אין גלות, נאר ווייל ער האט א רעליגיע, מיט וועלכער עס ווילן נישט קומען אין בארירונג א סך גוטע מענטשן, נאר פארביסענע

קריסטן, וואס ווילן נישט שטיין אין די ד׳ אמות פון צוגעהעריקע פון א אנדערער רעליגיע; און א סך שלעכטע מענטשן, וואס וואלטן געוואלט, אונטער דער מאסקע פון קריסטנטום, אומברענגען פון דער וועלט און זי אפווישן פון דער ערד צוזאמען מיט אירע אנגעהעריקע. אבער מיט גלות האט עס גארנישט צו טאן. גלות איז פאר די אמעריקאנישע יידן בלויז א היסטארישע דערמאנונג: מיט צוויי טויזנט יאר צוריק האבן זייערע אבות־אבותיהם געמוזט פארלאזן זייער לאנד און אוועקוואנדערן איבער דער וועלט. אז אמעריקע איז געווארן אנטדעקט, זיינען זיי אנגעקומען אויך אין אמעריקע, זיינען אפילו געווען אויף קאלומבעסעס שיף, און מעגליך, אז קאלומבוס אליין איז געווען א מאראן.... אבער, ווי נישט ווי, אויף וויפיל די יידן פון אמעריקע זיינען המשך פון דער געשיכטע פון דעם יודישן פאלק, און אויף וויפיל זיי דאווענען מיט אלע איבעריקע יידן פון איין סידור, זיינען זיי א טייל פון א גלות פאלק, זיינען זיי אויך אין גלות.

אבער, דעם ווארט גלות איז אויפגעשטאנען א שונא, וואס וועט אים טאקי אפמעקן פון אונטערן הימל, אין אלע לענדער, וואו ער איז נישט געווען אין ספקות, און אין אמעריקע, וואו מען האט וועגן דעם דיסקוטירט. מיט דעם אויפשטיין פון מדינת ישראל פארשווינד ער פון אלע לענדער, ווי ער איז שוין א מאל פארשוואונדן פון בבל. די יידן פון דער גאנצער וועלט האבן צוריק באקומען זייער לאנד, פון וועלכן זיי זיינען פארטריבן געווארן. מדינת ישראל איז זעלבשטענדיקייט פון יידישן פאלק, יידנלאנד, וואס געהערט צו אלע יידן אין זייער צעשפרייטקייט. ווער עס וויל, קאן זיך אומקערן צו איר. די יידן הערן־אויף צו זיין אין גלות, ווייל זייער לאנד איז פאר זיי אפן, און זייער אומקערן־זיך הענגט נאר אפ פון זיי אליין, פון זייער ווילן און זייער ברירה. די יידן פון אלע לענדער ווערן איצטער בשייכות צו מדינת ישראל, ווי די יידן פון אלכסנדריה זיינען געווען צו יהודה. זי ווערט דאס לאנד פון די יידן פון דעם גאנצן יודישן פאלק, און די יודישע באפעלקערונג אין די פארשידענע לענדער, ווערן ווי די קאלאניעס פון דעם היימלאנד. אלע יידן אומעטום ווערן בבחינת אויסוואנדערער פון מדינת ישראל. אפילו די 6–5 מיליאן אין אמעריקע וועלן איצטער ווערן ווי פרייוויליקע אימיגראנטן פון מדינת ישראל. זיי וועלן זיין ווי אירלענדער, נארוועגער, שוועדן אין אמעריקע. קיינער פון די דאזיקע איז נישט אין גלות, אלע זיינען פרייע איינוואנדערער, מיט דעם פרייען וועג פאר זיי צוריק צו זייער לאנד. עס וועט גארנישט העלפן אפילו לעסינג ראזנוואלד און זיין חבריא: די וועלט וועט זען הינטער זיין רוקן — — מדינת ישראל.

די גלות־עפאכע האט זיך פארענדיקט, דער לאנגער גלות האט אויפגע־הערט. ווען פרומע יידן וועלן זיך קלאגן פאר גאט אויף גלות, און בעטן, ער זאל זיי ארויספירן פון אים, וועלן זייערע תפילות זיין פאלשע, צבו־עצישע תפילות. זיי, די פרומע גלויביקע, דארפן דאך גלויבן, אז מדינת ישראל איז נישט געווארן אן גאטס ווילן, און זיכער האט ער געהאט א האנט אין די אלע נסים, וואס זיינען מיט איר געשען. און, ווען די אסימילאנטן וועלן דערקלערן, אז זיי האבן נישט און ווילן נישט האבן קיין חלק און נחלה אין מדינת ישראל, זי איז נישט זייער מדינה און איר פאלק איז נישט זייער פאלק, וועט עס זיי גארנישט העלפן, ווייל די גאנצע ווייטע וועלט וועט זייערע דעקלעראציעס נישט אננעמען. דער שיין פון מדינת ישראל וועט פאלן אויף זיי, נישט קוקנדיק אויף אלע זייערע פראטעסטן. און, זאל זיך חס ושלום מאכן, אז א באשטימט לאנד זאל דערקלערן מלחמה דער מדינת ישראל, מעג מען משער זיין, אז אלע דארטיקע יידן, אפילו די אסימילירטעסטע, אפילו אייניקלעך פון א דארטיקן לעסינג ראזנוואלד, וועלן שטיין אונטער א חשד, אז זייער הארץ איז נישט גאנץ מיט זייער לאנד, וואס גייט אויף ישראל.

די קליינע מדינת ישראל ווערט ווידער מיטלפונקט, אייניקונקספונקט, הארץ און היים פון גאנצן פאלק ישראל, ווערט ווידער פאטערלאנד. גלות גאט האט נישט געהייסן? מענטש, קומט דען נישט ארויס פון דעם אויבערשטנס איז אפגעמעקט. יידן זיינען נישט מער אין גלות, אין ערגעץ נישט.

אויסער, פארשטייט זיך, אין די לענדער פון וועלכע מען לאזט זיי נישט ארויס, וואו זיי זיצן איינגעשלאסן, ווי געפאנגענע, ווי ארעסטאנטן, און טארן זיך נישט לאזן דערקענען און נישט געבן פון זיך א צייכן פון לעבן. זיי זיינען נעבאך אין גלות.

באמערקונג

דער מאמר „אויס גלות...” איז דער צווייטער חלק פון א גרעסערן מאמר. אין ערשטן חלק האט פינסקי באוויזן, אז אין אונדזער גאנצער היסטאריע איז באשטאנען דער גלות, נאר דעמאלט, ווען אונדזער פאלק איז פארטריבן געווארן פון זיין לאנד און איר זעלבשטענדיקייט איז חרוב געווארן. אז די יידן האבן זיך אומגעקערט אין זייער לאנד אריין, און עס איז געווען זעלבשטענדיק, האט אויפגעהערט דער גלות. אזוי איז תמיד געווען, זאגט דוד פינסקי, און אזוי איז עס אויך איצט, עס באשטייט די זעלבשטענדיקע מדינת ישראל.

סטאַלינס שפּרונג צו גרויסקייט מיט היטלערס הילף

דער אָפּמאַך צווישן דעם וועלט־באַפרייענדיקן קאָמוניזם און דעם וועלט־אונטערדריקנדיקן נאַציזם טראָגט דעם נאָמען פון דיביידע דיקטאַטאָרס סטאַלין און היטלער. די פעלקער וועלכע זיי באַהערשן, זיינען אין דעם נישט שולדיק. די 170 מיליאָן פון די פאַראייניקטע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן און די 85 מיליאָן פון גרויסדייטשלאַנד האָבן אַפילו נישט דערוועגט זיך צו חלומען, אַז אַזאַ אָפּמאַך איז אַ מעגליכקייט. סטאַלין און היטלער האָבן אים געוואָלט, און זיי האָבן אים געמאַכט. איז די וועלט נישט איבערראַשט פון היטלערן. זי דערוואַרט שוין לאַנג פון אים יעדע אוממעגלעכקייט. אָבער סטאַלין האָט איבערראַשט. אַפילו די וואָס האָבן נישט געגלויבט אין דעם אמת און ערנסט פון זיין פּאַרייניקטן פּראָגנאַנט און זיין אַנטי־פאַשיזם־קאַמף, האָבן דאָך נישט געדענקט, אַז סטאַלין וועט אויסשטרעקן היטלערן אַ העלפנדיקע האַנט.

שטייט די וועלט פאַר דעם רעטעניש סטאַלין און זוכט אויף אים אַן ענטפער. זי זוכט דעם ענטפער אין פּאָליטישע כוונות, אָבער אויך אין פּערזענליכע. וועלכע פּערזענליכע אַמביציעס און מאָטיוון האָבן אים געבראַכט צו אַזאַ איבערראַשנדיקן שריט ?

ווער קאָן עס וויסן ? עס איז אַ טאַפּן אין דער פינצטערניש... אפשר איז עס אַזוי, ווי איך טאַפּ עס אָן...

סטאַלין, ווייסן מיר, האָט זיך אויפגעבויט אויף פעלשונגען. דער פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, איז געמויערט פון געגנבעטע ציגל. ער האָט זיך געלאָזן פאַרווייערויכן מיט גרויסע מעשים, פון געגנבעטע וואָס אַנדערע האָבן געטאָן.

אויף די ווענט פון דעם גרויסע לענין־מוזיי אין מאָסקווע ווערן פאַראייביקט פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון לענינס לעבן אין גרויסע און קליינע וואַנטמאַלערייען. אָבער מיט דעם יאָר 1917, מיט דעם אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, קריגט לענין אַ שותּף: סטאַלין. פון דעם מאָמענט אָן איז קיין בילד נישט אָן אים. טראָצקי איז נאָר אויף איין אָדער צוויי בילדער, פאַררוקט אָן אַ זייט, ערגעץ אין הינטערגרונט, אַלס שטערער און שעדיקער פון די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. סטאַלין פאַרנעמט דעם מיטלפּונקט, דעם אויבן־אָן אַלס הויפּטבאַוועגער, בעסער־ווייסער.

און ווי אויף די ווענט פון דעם מוזיי, אַזוי אויף די שפּאַלטן פון די סאָוועטישע צייטונגען און אויף די זייטן פון די סאָוועטישע ביכער. סטאַלין

פארנעמט אומעטום דעם ארט, וועלכן אין אונדזער וויסן און געדענקען האט פארנומען טראצקי.

אין דער זייער דערפאלגרייכער סאוועטישער פיעסע „די אפטימיסטישע טראגעדיע" קומט פאר די האנדלונג אין די יארן 1919—1920, אין די יארן פון דער שאפונג פון דער רויטער ארמיי. אין אונדער זכרון איז די שאפונג פון דער רויטער ארמיי פארבונדן מיט דעם נאמען פון לעאן טראצקי. אבער אין דער פיעסע זאגט א רויטארמייער: „עס האט אונדז געלויכטן די זון. עס האבן געפונקלט די נעמען פון לעניך, סטאלין...".

שטייט סטאלין הויך אויף דעם פיעדעסטאל, וועלכער דערגרייכט די וואלקנס, אבער די אלע פאלשונגען מוזן ברענען זיינע פיס און באאומרואיקן זיין נשמה. אזא פיעדעסטאל קאן נאך נעמען אמאל און איינפאלן. ער ווייס דאך, אז עס זיינען פאראן נאך אנדערע געשיכטשרייבער, אויסער זיינע סאוועטישע, וועלכע מוזן נעבאך שרייבן, וואס מען הייסט זיי. דער וועלטס ארכיוון זיינען פול מיט דאקומענטן, וואס באהאלטן אין זיך דעם פולן אמת וועגן מעשים און טוער. און עס לעבט נאך א גרויסער טייל פון דעם רעוואלוציע־דור, וועלכער געדענקט די געשעענישן פון יענע טעג און די נעמען פון די, וואס זיינען געוועזן די טרייבקראפט אין די געשעענישן.

ווי פארהארטעוועט סטאלין זאל נישט זיין, מוז דאך דער לינן־אויפבוי פון זיין גרויסקייט שטערן אים, נאגן, דריקן. אויב נישט ווי אומרואיקער געוויסן, איז ווי א שטיינדל אין שוך, ווי א סארינקע אין אויג.

איז היטלער געקומען אים צו הילף.

סטאלין האט גלייך דערזען א געלעגנהייט אויפצובויען פאר זיך א צוקונפט, וואס וועט זיין א סך גרעסער פון דער פארגאנגענהייט, און ער האט אנגעכאפט היטלערס האנט.

וואס זיינען אלע פריערדיקע אויפטואונגען קעגן די איצטיקע דערגריי־כונגען? מיט איין רוק האט ער פארנאנדערגעשטופט ווייט און ברייט די גרעניצן פון סאוועטן־פארבאנד, באפעסטיקס זיך ביים באלטישן ים איבער די קעפ פון די באלטישע פעלקער און באשיינט זיך מיט דעם טיטל „באפרייער פון מיליאנען ווייסרוסן און אוקראאינער". מיט דעם איינעם שריט זיינעם איז סאוועטרוסלאנד געווארן די מעכטיקסטע מדינה אין גאנץ אויראפא, און ער דער מעכטיקסטער הערשער.

ווער דארף גאר קוקן איצטער אויף צוריק צו די יארן 1917, 1918, 1919, 1920? זיי זיינען פארטונקלט געווארן. וואס זיינען אלע פריערדיקע נצחונות קעגן דעם איצטיקן נצחון? ערשט איצטער וועט זיך אנהייבן די געשיכטע פון דעם ראטנפארבאנד און פון דעם „געניאלסטן מענטש פון אונדזער צייט". ווי ער האט זיך געלאזט טיטולירן מיט יארן צוריק אויף

מאת שר החינוך והתרבות פרופ. ב. ד י נ ו ר

מר פינסקי היקר,

ברכתי הנאמנה שלוחה לך ל„יום הגבורות" שלך. זכית ראית עולמך בחייך. בגבורות השתתפת בהיותך עוד צעיר בהעלאת המוני העובדים היהודים על במת ההיסטוריה. בגבורות עוררת את צעירי ישראל בימי פרעות לעמוד על נפשם מול צר ואויב, מול פורע ומתנקש. בגבורות ידעת לשבור את השיגרה המחבלת בעתיד העם, שהשתלטה על חלק גדול של הנוער ושל העם, אשר כבל את עצמו באזיקי התכחשות במסוה של התקדמות. בכוח חזון לוהט העלית על הבמה גבורות ישראל בכל הדורות והשכלת להיות במחזירים לעמנו את כוח נעוריו ועוז מפעליו מימי קדם.

אשריך שהגעת לגבורות, ומעל הר הכרמל אתה יכול לחזות במפעלך כשהוא משתלב במפעלי ישראל מדור דור.

יהי רצון שתזכה, ונזכה כולנו אתך, לחזות בתקומתו המלאה והשלמה של ישראל, הנכנס להיסטוריה כיורשה הגדול, המוכר והיאה, לישראל סבא.

במיטב הברכות והאיחולים

ב. דינבורג

בפתיחת התיאטרון העירוני בחיפה — ביי דער עפענינג פינם שטאדט־טעאטער אין חיפה.

הסופר ש. שלום (בגבו לצלם ; מיטן רוקן צום פאטאגראף) ; מימין לשמאל, פון רעכטס צו לינקס : ראש העיר אבא חושי (זכרונו לברכה), מניה זינגר, דוד פינסקי, מנדל זינגר.





האדל ודוד פינסקי בדירתם על הכרמל.
האדל און דוד פינסקי אין זייער היים אויפן כרמל.

דוד פינסקי

צו האדל

דו ביסט טאַפּפער, דו גוטן ווייבעל,
קענסט זיין לעבען מוטהיג - דורכרייסט,
העלפסט מיר טראגן און היילעסט מיך אונטער –
גיבסט מיר לעבען, גיבסט מיר גייסט!

ווען אלפין אין דער וועלט וואנדערט,
ביסט מיר שטענדיג, שטענדיג נאה!
ווען בין רויק מיט דיר, מיין ווייבעל! –
וויל לאנג יאהרען דו מיר זייה!

12 Juli 1901.

דעם סמך פון פרעמדע פארדינסטן. די איצטיקע דערגרייכונג איז אינ־גאנצן זיין פארדינסט.

ווען ער וואלט געמאכט אן אפמאך מיט ענגלאנד און פראנקרייך קעגן היטלערן, וואלט אפשר די מלחמה נישט אויסגעבראכן, און שטעדט און מענטשן וואלטן אפנעראטעוועט געווארן פון אונטערגאנג און פארניכטונג.

ווען ער וואלט געמאכט אן אפמאך מיט די דעמאקראטישע לענדער, וואלט ער באוויזן, אז דער פארייניקטער פראנט און דער קאמף קעגן פאשיזם זיינען ביי אים נישט געווען מוח־פארטומלעניש און אויגנ־בלענדעניש.

ווען ער וואלט נישט געמאכט דעם אפמאך מיט היטלערן, וואלט ער נישט אויפגעשוידערט די געפילן פון אלע די, וואס גלויבן נאך אין מאראל און עטיק.

אבער יעמאלט וואלט ער נישט געמאכט דעם שפרונג אין גרויסקייט. האט ער זיך בעסער ארויפגעשטעלט אויף די פלייצעס פון דעם בלוטדורשטיקן אוממענטשליכן „באפרייער״ פון דייטשלאנד און געמאכט דעם שפרונג אין גרויסקייט.

וועט אויך דער דאזיקער פיעדעסטאל אים סוף כל סוף נישט ברענען די פיס?

תרצ״ט, 1939

★ ★ ★

בריוו פון ישראל

חיפה, פעברואר, 1954.

ערשטער בריוו

אין יאנואר איז געווארן פינף יאר, זייט איך און מיין פרוי האבן פארלאזן ניו־יארק און אמעריקע און זיך באזעצט אין ישראל. דאס איז נישט געווען קיין לייכטע זאך. צוויי דריטל פון מיינע דעמאלטיקע יארן האב איך אפגעלעבט אין אמעריקע, איינגעלעבט זיך, איינגעבירגערט זיך. און ליב געוואונען לאנד און מענטשן. האב אפילו דערלויבט זיך צו גרויסן מיט מיין אמעריקאנערטום. ועל כולם א זון און זיין פרוי, ווי א טאכטער מיר ליב, א טאכטער און איר מאן, ווי א זון מיר געטריי, און זייערע קינדער — מיינע אייניקלעך: גבריאל, פאר וועמען איך האב געשריבן מיינע „דאבא״־לידער און הערשעלע. אלע אזוי טייער און ליב און איינגעבאקן אין הארצן. און א זונעלע אויפן בית עולם... און פריינד, טייערע פריינד, נאענטע, הארציקע... און א שיינע, געמיטלעכע

היים... ווי עס בינדט דאס אלץ צו צום איינגעזעסענעם ארט מיט אומצייליקע שטריק און קניפלעך! און דאך אפגעריסן זיך, אויפגעהויבן זיך און אוועק אין ישראל. צום פארווירקלעכטן חלום, צום דערפילטן וואונטש, צום הערלעכן זיג!

בענק איך נאך אמעריקע? איך בענק נאך די קינדער און אייניקלעך, איך בענק נאך די נאענטע פריינד. אבער איך מוז זיך מודה זיין, אז איך בענק נישט נאך ניו־יארק און נישט נאך אמעריקע. די קליינע ישראל האט גאנץ פארשטעלט פאר מיר די גרויסע אמעריקע. אמעריקע איז זייער שיין און פול מיט וואונדער. זי איז געבענטשט מיט אלץ. איך האב זיך בארימט מיט איר אין ענגלאנד, אין פראנקרייך, אין איטאליע. אבער נישט אין ישראל. איך באוואונדער דאס קליינע ישראל, מיין לאנד.

מיר זיצן אין אויטאמאביל און פארן פון חיפה קיין ירושלים. פיר מענער און צוויי פרויען, אפט רייסט זיך ארויס ביי מיינע מיטפארער אן אויסרוף פון התפעלות: אך, ווי שיין! און זיי ווילן מיין הסכמה. אבער איך קוק ארויס פון פענצטער פון אויטאמאביל, מיינע אויגן לויפן ארום איבער בערג און טאלן, און איך טראכט נישט: „אך, ווי שיין!" נאר דאס אלץ איז דאך אונדזערס! דער אויטאמאביל, אין וועלכן מיר פארן, איז דעם פרעזידענטס, אונדזער נשיא. אין לאנד ווייס מען הפנים, אז די „לייסנס" אויף דעם נשיאס אויטאמאביל איז „ים 1". קוקן מענטשן אריין אין דעם אויטאמאביל מיט גרויסער געשפאנטקייט, אפשר וועלן זיי כאפן א קוק אויף זייער פרעזידענט, און איך פיל זיך אזוי רייך, אזוי באגליקט. וואס איז מיר דא די אייביקע שיינע לאנדשאפט?

פינף יאר בין איך שוין אין מדינת־ישראל און ווער טאג־טעגלעך נתפעל פון דעם, וואס מיינע אויגן זעען ארום מיר. איך ווער נתפעל פון די ארבעטער, וואס דראפען זיך אויף די הויכע טעלעגראף־סטאלבעס און ציען טעלעגראף־און טעלעפאן־דראטן, פון די ארבעטער, וואס ברוקירן און פעכן די גאסן, וואס בויען הייזער, גראבן קאנאלן, לייגן אויס קאנאליזאציע־רערן, רייניקן די גאסן, קלייבן צונויף דעם מיסט, וואס ווערט ארויס־געשטעלט פאר די הייזער... דאס זיינען דאך אלץ יידן, אלץ אחינו בני ישראל! אלע ארבעטן טוען זיי, מיאוסן זיך מיט קיינער נישט, שרעקן זיך פאר קיינער נישט אפ. מיר אימפאנירט דער יידישער פאליסמאן, דער יידישער סאלדאט, די יידישע סאלדאטקע, און איך פארקוק זיך אויף אונדזערע הויכע אפיצירן — אלע אזעלכע יונגעלייט! — און ווי פיין זיינען די באגעגענישן צווישן דעם הויכן אפיציר און דעם פשוטן סאלדאט: חבריש, מענטשלעך, אמת דעמאקראטיש. איך קוק זיך צו און האב הנאה.

ווען חבר לייוויק איז דא געוועזן, האט ער מיר אריינגעקוקט אין די אויגן און געוואלט ארויסלייענען פון זיי איינזאמקייט, אומצופרידנקייט, בענקשאפט. א גערייצטקייט מיט דער סביבה, וואס דערווייטערט זיך פון יידיש, פון אונדזער נשמה־לעבן, און מוז מיר זיין פרעמד. איך האב אים דארויף געענטפערט, אז איך וואלט אים פארשטאנען, ווען ער וואלט דאס מיר געזאגט, ווען ער וואלט געקומען פון איישישאק, פון א שטעטל אין דער ליטע, וואו היים און גאס זיינען געוועזן יידיש. אבער איך פארשטיי אים נישט, ווען ער זאגט עס מיר, קומענדיק פון אדאבאן עוועניו אין ניו־יארק. ווען ער קומט ארויס פון זיין דירה אין גאס אריין — אויף וועמען שלאגט ער זיך אן? אויף וועלכן לשון וועט ער צוטרעטן צו א פארבייגייער? ער וועט זיין אמעריקאנער, ניו־יארקער — וועט ער זיין ייד? ווען איך קום ארויס פון מיין דירה און טרעט אריין אין מוריה גאס אין חיפה, בין איך קודם כל ייד, שלאג זיך אן נאר אויף יידן, וועל אפשטעלן דעם ערשטן בעסטן פארבייגייער מיט א ווענדונג אויף יידיש, און ער וועט מיך פארשטיין, וועט מיר אויך ענטפערן אויף יידיש, און קאן אויך זיין, אז ער וועט מיך אנקוקן פרעמד, באפרעמדט. אבער שטענדיק באגייסטערט מיך דער געדאנק, אז ווען איך גיי ארויס אין גאס, פאל איך אריין צווישן יידן, באפרייטע, שטאלצע, וואס וועלן זיך נישט ארומקוקן מיט פארלעגנהייט, אפשר איז עמיצן א פרעמדן נישט געפעלן, וואס ער דארף דורכגיין צווישן יידיש־רעדינדיקע.

די שפראך, וואס איך וועל דערהערן, ווען איך וועל ארויסטרעטן אין גאס, וועט זיין מייסטנס העברעאיש, עברית. איך בין שטענדיק געוועזן א צווייִשפראכיקער און געוואוסט, אז אין מדינת־ישראל וועט די הערשנדיקע שפראך זיין עברית. איך האב נאר געהאפט און געוואלט, אז יידיש זאל נישט פארווארפן ווערן, זאל נישט באהאנדלט ווערן ווי א פרעמדע שפראך. יידיש האט א גאר גרויסן זכות, באטייט אומגעהייער פיל אין דעם לעבן פון די יידישע מאסן, פון מיליאנען יידן, פון דורות, האט אזויפיל אויפגעטאן פאר זייער אנטוויקלונג. ווי גרויס איז איר באדייטונג פאר יידישער שאפונג! אין איר זיינען געשאפן געווארן אוצרות, וואס זיינען דער אייגנטום פון דעם גאנצן פאלק און וועלן בלייבן דעם פאלקס עשירות אין אייביקייט. קיין אנדערע שפראך, וואס דאס יידישע פאלק האט אויפגעקליבן אויף דעם לאנגען וועג פון זיין גלות, קאן זיך מיט יידיש נישט פארגלייכן. פאר די לעצטע הונדערט יאר איז זי נעבן עברית די איינציקע, וואס האט געשאפן גרויסע קונסטווערק. דער שאפונגס־גייסט פון דעם יידישן פאלק האט מיט איר, אין איר, דערגרייכט צו גרויסע הייכן. נאר עם הארצות, בלינדע שנאה און גראבע לעסטערונג שטעלט

לאדינא אויף איין שטופע מיט יידיש, זוכט אראפצונידעריקן יידיש צו איינער פון די צופעליקע שפראכן, וואס יידן האבן צייטווייליק אויפגענומען. מדינת ישראל, א רעגירונג פון דעם יידישן פאלק, דארף עס קאנען איינזען און אפשאצן. אויב דאס איז נאך נישט געטאן געווארן, זיינען די הויפטשול־דיקע די יידיש־רעדנדיקע מאסן. די רעגירונג האט פאר זיך די אויפגאבע צו באפעסטיקן עברית ווי די שפראך פון דעם קיבוץ גלויות. אבער די יידיש־רעדנדיקע מאסן טארן נישט פארגעסן, וואס יידיש איז פאר זיי געווען הונדערטער יארן און ווי יידיש האט זיי באררייכערט און באשיינט.

★

איך בין געזעסן מיט חבר לייוויק אויף אן אסיפה פון יידישע קולטור־טוער אין תל־אביב. זיי האבן זיך פאר אונדז באקלאקט אויף דער שלעכטער מערכה פון יידיש אין ישראל און געוואלט פון אונדז, מיר זאלן העלפן אויפרודערן די יידישע עפנטלעכקייט אין אמעריקע קעגן דער שלעכטער באהאנדלונג. וואס זיינען די פאקטן פון דער שלעכטער באהאנדלונג? דריי זיינען די שווערסטע: 1) יידיש האט נישט קיין דריסת הרגל אין די פאלקשולן. 2) מען קאן נישט ארויסקריגן קיין דערלויבעניש אויף א טעגלעכער צייטונג אין יידיש. 3) יידיש טעאטער איז אין חרם. אלע דריי פאקטן זיינען ריכטיק, נאר וואס דען...

עס איז נישטא קיין געזעץ, וואס פארבאט א טעגלעכע צייטונג אויף יידיש. דאס געזעץ, פארקערט, גאראנטירט פרייע פרעסע. זאל די רעגירונג פארביטן א צייטונג, קאן מען זי נעמען צום געריכט, און זי וועט געוויס פארלירן און דער פארבאט וועט אראפגענומען ווערן. אויב עס איז נישטא קיין טעגלעכע צייטונג אין יידיש, איז עס נישט אויף דעם סמך פון פארבאט־געזעץ, נאר מיט דעם כוח פון אן אויסרייד: פאפיר־מאנגל — די רעגירונג האט נישט געענוג קיין פאפיר פאר זעקס טעג א וואך... פארוואס איז דאס פאפיר־דחקות דווקא אויף יידיש צייטונגען, איז שוין ניש קיין קאנסטיטוציאנעלע פראגע. דאס געריכט קאן זיך דא נישט אריינמישן. באווייזט נישט אזא באציאונג פון דער רעגירונג פשוטע שנאה און אומפארציילעכע רשעות? א פירער פון די לינקע פועלי ציון און רעדאקטאר פון זייער דריימאל וועכנטלעכער צייטונג, וואס האט נישט קיין אורזאך צו פארטיידיקן די רעגירונג קעגן יידיש־פיינטשאפט, האט מיר אנגעגעבן אן אנדער אורזאך. אלע צייטונגע אין אלע אנדערע שפראכן זיינען אומפארטייאישע. די יידישע אליין זיינען פארטייאישע, געהערן צו דער אפאזיציע און באקעמפן די רעגירונג. האט די רעגירונג נישט קיין חשק ארויסלאזן אויף זיך אזוי פיל

קעגנערשאפט און פארלוימדער און באנוצט זיך מיט דעם ערשטן בעסטן תירוץ אויף באשרענקען די פיינטלעכע פרעסע.

צייטונגען זיינען דא א גוט געשעפט, און אלע שפראכן האבן דא געפונען געשעפטסלייט, וואס האבן געזען אין א צייטונג א גוט געשעפט און אנגעהויבן ארויסצוגעבן צייטונגען, און אלע צייטונגען גייען, מאכן געשעפט, זיינען גוטע פרנסה. אליין יידיש האט נישט געפונען קיין געשעפטסמאן, וואס זאל וועלן ארויסגעבן א יידישע צייטונג, ווייל זי קאן זיין א גוט געשעפט און נישט דווקא א פארטיי־ענין. פארוואס־זשע האט יידיש נישט אזא געשעפטסמאן ?

★

יידיש מעאטער איז טאקע א צייט לאנג געווען פארבאטן, און דאס איז געווען אומגעזעצלעך, קעגן דער פרייהייט פון ווארט. ווען מען האט זיך געווענדט צום געריכט, איז דער פארבאט ארונטערגענומען געווארן, ווי נישט־געזעצלעך. אבער מיר האבן דאך נישט קיין יידישן טעאטער. אין וואס ליגט עס ?

קודם־כל, נישטא וואו צו שפילן. נישטא קיין טעאטער־געביידעס און מען מוז זיך איינבעטן ביי אומבאקוועמע פילם־טעאטערס, וואס שינדן די הויט. פון די פיר העברעאישע טעאטערס האט די „הבימה" אליין אין תל־אביב אן אייגענע היים, די איבריקע דריי זיינען אומגעווינטשטע שכנים, פון וועמען די באלעבאטים וואלטן געוואלט פטור ווערן. פארן זיי ארויס פון תל־אביב, האבן זיי נישט וואו צו שפילן און מוזן זיך איינבעטן ביי די פילם־טעאטערס. און גאסטראלירן מוזן זיי, ווייל פון תל־אביב אליין וואלטן זיי נישט געקאנט לעבן. איז די לאגע פון די העברעאישע טעאטערס כמעט נישט בעסער.

אבער די רעגירונג לייגט ארויף דעם יידישן טעאטער א סך א גרעסערן שטייער, ווי אויף דעם העברעאישן, און דאס יידישע טעאטער ווערט דערשטיקט. האט מען געפרובט אויפהייבן די עפנטלעכע מיינונג קעגן דער דאזיקער אומגלייכקייט ? און זיינען דאס טאקע געווען די איינציקע אורזאכן, און אפילו די הויפט־אורזאכן פון דעם אונטערגאנג פון דעם יידישן טעאטער ?

איין צייט האבן דא געשפילט זעקס יידישע טעאטערס. די שונדיקסטע, ווערעמדיקסטע פיעסן פון דעם אלטן רעפערטואר אין אמעריקע און פוילן, האבן ארויסגערופן אן עקל. מען האט כמעט געבענקט נאך א פארבאט און מען איז געווען העכסט צופרידן, ווען די דאזיקע טעאטערס האבן אנגעהויבן פארשווינדן.

האט זיך באַוויזן א טעאַטער פון בעסער־וועלער מיט פּרעטענזיעס אויף קולטור און קונסט מיט דעם נאָמען גאָלדפאדן־ טעאַטער. אין דעם נאָמען ליגט פּראָגראַם, אָבער נישט קיין וועג אין דער צוקונפט. דער טעאַטער איז נישט ווייט דערגאַנגען. ער האָט נישט געהאַט קיין עקסיסטענץ־באַרעכטי־קונג.


דאָס זעלביקע איז געשען מיט דער אונטערנעמונג פון זיגומנט טורקאָוו, א שוישפּילער מיט א גוטן נאָמען, מיט דעם פּרעסטיזש פון א קולטור־מענטש. אָבער ער האָט אויך נישט געפונען דעם וועג צום יידישן עולם.

איז דער יידישער עולם נישט פאַראינטערעסירט אין יידישע טעאַטער? וויל ער אים נישט? אויב אין דעם דורכפאַל פון דעם יידישן טעאַטער איז שולדיק די גלייכגילטיקייט אָדער גאָר די אָפּגעפרעמדקייט פון דעם גרויסן יידישן עולם, צו וועמען קאָנען מיר האָבן טענות? אָבער מיר דוכט, אַז יידישער טעאַטער וואָלט דאָ יאָ געקאָנט עקסיסטירן און וואָלט אפילו פאַרנומען א גאָר בכבודיקן פּלאַץ. ער האָט נאָר געדאַרפט אויסנעמען מיט זיין יידישקייט.

דער העברעאישער טעאַטער איז גאַנץ אַמעריקאַניזירט. אַלע פיר טעאַטערס שפּילן דער עיקר איבערזעצונגען אָדער באַאַרבייטונגען פון אַמעריקאַנישע פּיעסן. זעלטן ווערט אויפגעפירט א פּיעסע מיט א יידישן אינהאַלט, מיט א פּראָבלעם פון דעם לעבן פון מדינת־ישראל. דער יידישער טעאַטער האָט נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט דעם העברעאישן מיט בעסערן שפּיל, מיט רייכערער אויפפירונג, אָבער וואָלט געקאָנט מיט אים קאָנקורירן מיט דעם אינהאַלט פון זיין רעפּערטואַר. ווען ער וואָלט צוגעגאַנגען נעענטער צום לעבן פון דער מדינה, וואָלט אויפגענומען אין דראַמע און קאָמעדיע ישראל־פּראָבלעמען, וואָלט ער געוואָרן פון פאָלק פאַר פאָלק, און וואָלט פאַרנומען א גרויסע פּאָזיציע ווי א נאַציאָנאַלער טעאַטער. דאָך איז ער געקומען צום עולם מיט אויסגעדראָשענע זאַכן און מיט גאָלדנפאדנשטשינע — אָן עובר בטל, וואָס האָט געמוזט אונטערגיין.

עס עקסיסטירט אין תל־אביב א געזעלשאַפט פון יידישע ליטעראַטן, און די צאָל פון איר׳ע מיטגלידער איז א גאָר גרויסע. ווער זאָל קעמפן פאַר יידיש, אויב נישט זיי? גייען זיי אין פאָלק? קומען זיי צום פאָלק מיט פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן, פאַרלעזונגען? טראָגן זיי צום פאָלק דאָס יידישע וואָרט? קיינער וואָלט זיי אין דעם נישט געשטערט. אָבער אין פאָלק ווייס מען אפילו נישט פון דער עקסיסטענץ פון אַזא געזעלשאַפט. דאָך איר׳ע מיטגלידער באַמבאַרדירן אַמעריקע מיט הילף־געשרייען וועגן דער לאַגע פון יידיש אין ישראל...

און דווקא אין ישראל איז באשאפן געווארן „די גאלדענע קייט", איינע פון די בעסטע פעריאדישע צייטשריפטן, וואס מיר האבן ווען געהאט אין ביידע שפראכן. זי האט אין ישראל איר גרעסטע לייענער־צאל. איר רעדעקטאר, דער גאט־געבענטשטער דיכטער אברהם סוצקעווער, האט געוואונען גרויס אנזען אין לאנד, און איר ארויסגעבערין, די הסתדרות, האט גאר נישט קיין בזיונות פון דעם, וואס זי האט זיך פארבונדן מיט יידיש. זאלן מיר נישט עפעס אפלערנען דערפון?



דוד פינסקי ליד שולחן עבודתו בדירתו בחיפה.
דוד פינסקי ביים ארבעט־טיש אין זיין היים אויפן כרמל.

אז דוד פינסקי איז געווארן אן אכציקער

אז דוד פינסקי איז געווארן א אכציקער, זיינען צוגעשיקט געווארן ברכות און ווערטער פון אפשאצונג צו דער רעדאקציע „די גאלדענע קייט" אין תל־אביב. צווישן זיי אויך די צווי ברכות, וואס מיר ברענגען דא: פונם גענעראל־סעקראטער פון דער הסתדרות העובדים הכללית,

דוד פינסקיס אכציקסטער געבוירן־טאג, וואס איז דער יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור, איז אויך דער יום־טוב פון דער יידישער

נאַציאָנאַל־און סאָציאַל באַפרייערישער אידעע, וואָס פינסקי איז אין משך פון צענדלינגער יארן געווען איר פארעמער און באגייסטערער און מיר אַלע זענען עדות ווי זי האָט זיך אָנגעטאָן אין בלוט און פלייש — אין מדינת ישראל.

מיר פרייען זיך מיט דוד פינסקין, מיטן גרויסן שרייבער און מוטיקן קעמפער, מיט דעם וואס האט אנגעצונדן דעם חזון פון יידישער גאולה.

דעם טייערן און ליבן תושב אויפן הר הכרמל —מיינע האַרציקסטע ברכות.

מרדכי נמיר

★★★

פונם יידיש־נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד אין אמעריקע

מיר שיקן אַ האַרציקע באַגריסונג צו אונדזער ליבן דוד פינסקי, דעם חשובן שריפטשטעלער, דראַמאַטורג און דיכטער לכבוד זיין אַכציק־יאָריקן יובל.

מיר באַגריסן אויך דעם ערן־פּאָרזיצער פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פארבאנד דוד פינסקי, דעם חבר וואס האט מיט זיין געטריישאפט, איבער־געגעבנקייט און גריסן טאלאנט געהאלפן בויען דעם פארבאנד און פאר־וואַנדלען די אָרגאַניזציע אין אַ וויכטיקן יידישן פאָלקס־כוח, וואָס דינט מיט געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט די העכסטע אינטערעסן פון אונדזער פאָלק און פון מדינת ישראל.

די גרויסע פערזענלעכקייט, דער געטרייער חבר דוד פינסקי, ווערט געליבט און געאכט פון די מיטגלידער פון פארבאנד און פון גרויסע מאסן יידן, וואָס האָבן געהאָט דעם כבוד זיך צו באַקענען מיט פינקסיס גייסטיקע שאַפונגען און צו געניסן פון זיין אמת אויפריכטיקער פריינדשאַפט און חברשאַפט.

אין נאָמען פון די צענדליקער טויזנטער מיטגלידער פון יידיש נאַציאָ־נאלן ארבעטער־פארבאנד ווינטשן מיר דעם ליבן יובילאר, ער זאל נאך פיל יאָרן קאָנען זיין אַ בויער און גייסטיקער וועגווייזער פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און די חברים און חברות פון פאַרבאנד און די יידישע מאַסן בכלל זאָלן האָבן דאָס גליק צו קאָנען געניסן נאָך פיל יאָרן פון זיין וואַרעמער חברשאַפט און פריינדשאַפט.

גענעראַל־עקזעקוטיווע פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

ל. סיגאַל, **סעקרעטאַר** מ. ל. בראַון, **פרעזידענט**



דוד פינסקי
דער קראנקער

גייען ארום די מענטשן אויף דער וועלט און טיף אין זייערע נשמות איז פארגראבן א טרויעריקייט, א ביטערע טרויעריקייט. באמיען זיך די מענטשן פארטרייבן די טרויעריקייט, איינער דורך מכלומרשטער גלייכגילטיקייט, א צווייטער דורך קלות־דעת און ווידער אנדערע מיט פריילעכקייט און דורך אלע אנדערע מיני מיטלן, ביז אויף צו דראפן זיך אויף גלייכע ווענט און רייסן זיך צום הימל. אבער דאס געראט זיי נישט. ווער עס האט אוירן צו הערן און אויגן צו זען און ווער עס קאן נאך פילן מיט זיין הארץ און מיט זיין קאפ, דערקאנט די טיפע טרויעריקייט אין די נשמות פון די מענטשן.

פון וואנען נעמט זיך די טרויעריקייט? זי קומט פון דער טרויעריקייט פון דער וועלט אליין.

באשאפן געווארן איז די וועלט צו זיין א גאנצע און א פרידליכע. אלעס אין דער וועלט שרייט נאך גאנצקייט. זיינען געקומען די מענטשן און האבן זי צעטיילט, צעברעקלט זי אויף לענדער און פעלקער. און א יעדעס פאלק אין זיך, און יעדן טייל פון יעדן פאלק — אויף גרופן און גרופן פון גרופן. וויל נישט די וועלט זיין א צעטיילטע, א צעברעקלטע, ווייל אלעס אין איר שרייט נאך גאנצקייט. פארפלאנטן זיך די מענטשן אין קריגענישן

און מלחמות. וויל דאס נישט די וועלט אריבערטראגן, ווייל זי איז דאך באשאפן געווארן פאר גאנצקייט, פאר שלום און פאר שאפן.

עגבערט אט די סתירה צווישן וועלט און מענטש טיף אין מענטשנס נשמה. די סתירה לאזט זיך נישט פארבאהאלטן און פארטרייבן. ראנגעלט זי זיך מיט דעם מענטשן, אין דעם מענטשנס נשמה.

דאס איז דער מקור פון דער טיפער, ביטערער טרויריקייט אין אלעמענס נשמות.

דאס האט געזאגט דוד פינסקי מוצאי־שבת, י״ב טבת תשי״ח (4 יאנואר 1958) און איך האב עס אויפגעשריבן, כמעט ווארט ביי ווארט.

דוד פינסקי איז געזעסן אויף א גרויסן שטול, אים אקעגן אין א שטול אויף רעדער זיין ליבע האדל, דריי חברים און א חברה, שטענדיקע געסט ביי פינסקי, ארום אים, א ביסל ווייטער, זיינען געזעסן דריי פרויען, וואס באדינען דיביידע אלטיטשקע. מיר האבן באדארפט טרינקען א גלעזל קאניאק (אין פינסקיס גלעזעל האט מען צוגעמישט וואסער), האט פינסקי אונדז אפגעהאלטן: פארן טרינקען ׳לחיים׳ וויל ער עפעס זאגן. און ער האט געזאגט, וואס איך האב דא פארשריבן.

דאס ריידן האט פינסקי אויפגערודערט און אים אביסעל פארמאטערט. מיר אלע זיינען די גאנצע צייט געזעסן ווי צוגעקאוועט צו אים. אז ער האט געענדיקט, זיינען מיר א ווײַלע געבליבן צעטומלט פון די ווערטער און פון דעם טאן פון זיין קול, גלייך ווי ער קומט פון ערגיץ ווייט, פון א אנדערער וועלט. פינסקיס אויג (ער זעט נאר אויף איין אויג, דאס אנדערע איז פארדעקט) האט וואונדערליך געלויכטן און א שמייכל האט געשוועבט איבער זיין פיינעם, שיינעם פנים. ער האט זיך אפגערעדט פונם הארץ און סאיז אים לייכטער געווארן.

און איך האב זיך דערביי דערמאנט אין א ענליכן בילד מיט צענדלינגער יאר צוריק, אין ווין, דער הויפט־שטאט פון עסטרייך.

געוועזן איז עס אין שטוב פון יוסף פאפער־לינקעאוס, דער פיינער דיכטער, איידעלער דענקער און גרויסער יודישער זעהער. ווי עס האט אים גערופן הרב צבי פרץ חיות זכרונו לברכה. אויך ער איז דעמולט געוועזן א פאראליזירטער אין גוף, אויך ער איז דעמולט געזעסן אין א זא גרויסן שטול. אויך ביי אים זיינען דעמולט געזעסן א פאר פריינט. דעם אלטיטשקנס אויגן האבן געלויכטן און גערעדט האט מען פון דעם לעצטן בילדעל אין פאפערס וואונדערליכן בוך: „פאנטאזיעס פון א רעאליסט״ — — „דער וועלטס מורא־געשריי״. און דער פאראליזירטער

גרייז־גראער זעהער האט געזאגט: א ודאי הערט מען דער וועלטס מורא־געשריי. איך האב אים געהערט. הערט אייך גוט צו, און איר וועט אים אויך הערן.

אלע, וואס זיינען מיט צענדלינגער יארן צוריק געזעסן פארכשופט ביי פאפער־לינקעאוס האבן געגלויבט דעם גרייז־גראען זעהער. מיר, וואס האבן געהערט די ווערטער פון דוד פינסקיס מויל אין זיין שטוב אויפן כרמל, האבן געפילט, וואס עס פולט־אויס זיין מוח און זיין הארץ אין אט א די טעג, און האבן געגלויבט.

מ. ז.

★★★

צען יאר

צען יאר זענען פארביי, זייט עס איז נפטר געווארן אין זיין היים אויפן כרמל דער גרויסער שרייבער און דער טייערער מענטש דוד פינסקי. און כאטש ער האט דערלעבט א שיין עלטער — 86 יאר, איז נאך נישט פארלאשן דער הארץ־ווייטאג, וואס ער איז מער נישטא. פינסקי פלעגט זאגן, אז זיין לעבן האט זיך אויפס ניי אנגעהויבן מיט זיין קומען אין לאנד אין יאר תש״ט (1949), און אין דער אמת׳ן, אז מיר פלעגן זיין מיט אים, האבן מיר אנגעהויבן גלויבן אין דעם. „אלע מיינע יארן האב איך געלעבט א ארצישראלדיקן לעבן; איך האב זיך אין אמעריקע באטראכט ווי א שליח פון ארץ־ישראל און איצטער האב איך זיך אומגעקערט אהיים" — האט פינסקי געזאגט פשוט און אויפריכטיק, ווען ער איז געקומען צו אונדז. ער איז אין לאנד געקומען א 76־יאריקער און מעכטיק איז אין אים געווען דער ווילן צו לעבן, צו שאפן און טעטיק צו זיין.

ער האט נישט געהאלטן פון זיצן אין שטוב, שטענדיק איז ער געווען אונטערוועגס. אין קעשענע דער „כרטיס־כבוד" פון „אגד" (חברים פון „אגד" אין חיפה האבן געהאט א לעבנדיקן קאנטאקט מיט דעם גרויסן שרייבער) און פינסקי האט אים פיין אויסגענוצט. געפארן פון שטאט צו שטאט, און בעיקר אין די ארבעטער־ישובים, זיך באגעגנט מיט שרייבער פון עברית און פון יידיש; א באזונדערע הנאה האט ער געהאט פון די יונגע צווישן זיי, וואס זענען געווען נייע עולים. פינסקיס שטוב אויפן כרמל איז געווען אפן פאר אלע, און א סך פון זיי זענען געקומען — שרייבערס פונם לאנד און פון חוץ־לארץ. מיט פילע פון זיי האט ער זיך פריינטשאפטלעך פארבונדן.

טיף איז געווען פּינסקיס ליבע צום לאַנד און צו אַלעם, וואָס ווערט געטאָן און געשאַפן אין דער יונגער מדינה. ער האָט הויך אָפּגעשאַצט און פאַרערט אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אין איר אויבנאָן, לרוב אַלטע חברים זיינע און פריינט: יצחק בן־צבי, יוסף שפּרינצאַק, דוד רמז, זכרונם לברכה, און זיי צו לענגערע יאָרן: זלמן שזר און דוד בן־גוריון. יעדע באַגעגעניש מיט זיי אין זיין היים, אָדער אין אַנדערע ערטער, איז פאַר אים געווען אַ קוואַל פאַר אויפמונטערונג און נשמה־פרייד.

פּינסקי האָט זיך באַהעפט צו דעם וואונדערלעכען פּאַנאָראַמע פונם כרמל און מיט שטאָלץ פלעגט ער פירן געסט פון זיין הויז צו האָבן הנאה פון דעם פּרעכטיקן בליק אויף אונדזער כרמל.

אייגנטלעך האָט פּינסקי נישט געהאַט קיין שווערקייטן זיך איינצולעבן אין לאַנד. אַ פּופּציק יאָר האָט ער געלעבט אין אַמעריקע, אָבער באַלד, ווי ער איז נאָר אַריינגעגאַנגען אין זיין דירה אין גאַס מוריה, האָט ער, ווי ער פלעגט זאָגן, באַלד געפילט, אַז דאָ איז זיין היים.

אַ וודאי, זיין טייערע און געטרייע האָדל, וואָס האָט באַגלייט פּינסקין אין זיין שאַפן אַלע יאָרן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געלעבט (פאַר האָדל פלעגט פּינסקי לייענען צוערשט אַלעס, וואָס ער האָט געשריבן), זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַפילו זייענדיק שוין פּאַראַליזירט, אַריינצוברענגען אין הויז, וואָס איר געליבטער מאַן האָט ליב געהאַט. זי האָט געשעפּט נחת פון אַלעם, וואָס זי האָט געזען און געהערט אין הויז, וועלכעס איז תמיד געווען פול מיט פריינט.

אויך מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן האָט זיך פּינסקי באַלד איינגעלעבט אין לאַנד. זיינע טעמעס זענען געוואָרן אַרצישראלדיקע (שופטים ושוטרים תתן לך, נישט ווי אַלע פּעלקער, זי האָט אַ דירה) און תנכדיקע: משה און די כושית, שאול, שמשון. ער האָט אַפילו געפּרובט איבערצוזעצן פון היינריך היינעס לידער אויף עברית, און דערביי איז נישט אַזוי וויכטיק דער אויפטו, נאָר מער דער ווילן, די בענקעניש צו עברית. פּינסקי איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן געפיל, אַז לעבנדיק אין לאַנד שאַפט ער אין גייסט פון דעם אַלט־נייעס היימלאַנד. פּינסקין האָט זער וויי געטאָן, וואָס דער טעאַטער אין ישראל, אויך אין דער שטאָט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, אינטערעסירט זיך נישט מיט זיין שאַפן און פילט נישט דעם ישראל־גייסט אין די פּיעסן, וואָס ער שאַפט, זיצנדיק אויפן כרמל. ער האָט עס נישט געזען ביי זיין לעבן און מיר זעען דאָס אויך נישט היינט. מיט גרויס אינטערעס און מיט טיפער ליבע האָט פּינסקי באַגלייט די אַנטוויקלונג פון דער עברית־ליטעראַטור, האָט זיך געפרייט מיט אירע אויפטוען און האָט קריטיקירט דערשיינונגען, וואָס

ער האט אין זיי געזען א אראפגיין פונם וועג און א נאכמאכן די פרעמדע. ער האט זיך פערזענלעך פארבונדן, און ווי ער איז געוואוינט געווען — אויף א הארציקן אופן, מיט די בעסטע שאפערס אין חיפה און אין לאנד.

מיטן טויט פון דוד פינסקי האבן חיפה און די מדינה פארלוירן א גרויסן שרייבער און איינעם פון די טייערסטע זין פון אונדזער פאלק. עס זענען פארשלאסן געווארן די טירן פון א הויז אויפן כרמל, פון וועלכן סהאט ארויסגעשטראלט גייסט פון קינסטלערישן שאפן, ליבע צום היימלאנד און צום פאלק, ברודערלעכקייט און פריינטשאפט צו אלעס גוטן און שיינעם, וואס ווערט געבוירן אין אונדזער יונגער מדינה.

ערשט נישט לאנג, נאנט שוין צו פינסקיס צענטן יארצייט, איז געפונען געווארן א פארענטפערונג צום פראבלעם פון פינסקיס דירה אויפן כרמל און סאיז פארזיכערט געווארן, אז סוועט אויך דארט זיין פלאץ צו וועבן ווייטער די פעדים, וואס ער האט געוועבט אלע יארן פון זיין לעבן אויפן כרמל.

וואס פינסקי האט געשאפן אין ישראל איז נאך נישט צוזאמענגענומען אין ארגינאל און איז נישט געווארן איבערגעזעצט אין עברית, ווי פינסקי האט עס געוואלט, און ווי עס באדארף אויך צו זיין.

דוד פינסקי האט געגלויבט באמונה שלמה אין אויפלעבן פון אונדזער פאלק אין זיין לאנד. מיט דער פולער װארימקייט פון זיין הארץ האט ער זיך פארבונדן מיט אונדזער חיפה, ווי ער איז נאר געקומען אין לאנד אריין. אונדזער לאנד, און חיפה בראש, זענען מחויב צו טאן דאס פאר דעם גרויסן שרייבער און דעם טייערן מענטש, דעם ערן־בירגער פון דער שטאט חיפה, ווי ער פארדינט עס. מיר האפן, אז חברים און פריינט אין גרויסער צאל פון חוץ לארץ וועלן אויך צולייגן א אקסל.

מנדל זינגר

אבא חושי (ז״ל)

די לויה פון דוד פינסקי

אזוי ווי אין פארשידענע צייטונגען זענען אפגעדרוקט געווארן פאלשע ידיעות וועגן דער לויה פון דוד פינסקי, עליו השלום, אין חיפה, האט זיך די רעדאקציע פון דעם זשורנאל „צוקונפט״ אין ניו־יארק געווענדעט צום ראש העיר אבא חושי, זכרונו לברכה, און פון אים געבעטן א גענויע אינפארמאציע.

לויט ווי „די צוקונפט״ האט אפגעדרוקט, האט איר אבא חושי געענטפערט אט דאס:

„דוד פינסקי ז״ל איז נפטר געווארן 12 אזייגער ביינאכט. וויבאלד מ׳האט מיר צו וויסן געגעבן וועגן דעם גרויסן פארלוסט, האב איך גלייך צוזאמענגערופן די פארטרעטער פון דעם היזיקן סופרים־פארבאנד, די שטאט־פארוואלטונג און דעם ראט פון דער הסתדרות, כדי צו באשטימען די צייט. דער שותפתדיקער קאמיטעט, וואס איז אויסגעוויילט געווארן פאר דעם צוועק, איז געזעסן גלייך צומארגנס און האט באשלאסן צו אנאנסירן די צייט פון דער לוויה אויף 4 אזייגער נאכמיטאג, כדי צו דערמעגלעכן א גרויסן אנטייל פון ארבעטער, וועמענס גייסטיקער מנהיג פינסקי איז געווען. צוליב די אויסערגעוויינלעכע היצן, וואס האבן געהערש דעם טאג ביי אונדז, איז גאר קיין רייד ניט געווען וועגן אפלייגן די לוויה אויף שפעטער אדער אויף אן אנדערן טערמין.

ווי איר זעט, איז יעדער פרט גוט דורכגעטראכט געווארן און איינשטימיק אנגענומען געווארן דורכן גאנצן קאמיטעט. טא ווי קען מען אזוי אומפאר־שעמט שרייבן וועגן א „כאפ־לאפ לוויה״? איך הייב שוין אן צו צווייפלען, אויב דער קארעספאנדענט פון „לעצטע נייעס״ איז בכלל געווען אויף דער לוויה.

און איצט וועגן הספד: —

ווי געשיקט זיך ביי יידן, האבן אכט אנגעזעענע ארגאניזאציעס אויסגעדריקט זייער ווואונטש מספיד זיין דעם גרויסן נפטר. געבנדיק אלעמען דאס אומבאגרענעצט, האט געקענט גורם זיין שווערע אומאנגע־נעמלעכקייט די אנטיילנעמער. דאריבער האט דער קאמיטעט באשלאסן באפולמעכטיקן דעם באקאנטן דיכטער און עסייאיסט ש. שלום, וואס איז דער פארזיצער פון דעם שריפטשטעלער־פארבאנד פון חיפה

און גאנצן קרייז, צו געזעגענען זיך מיט אונדזער טייערן זקן אין נאמען פון דער שטאט, פון דער הסתדרות און פון יידישע און העברעאישע פארבאנדן אין לאנד, ווי אויך אין נאמען פון אלע זיינע פריינד און חברים אין דער גארער וועלט. און ריכטיק איז, אז ש. שלום האט אנגעהויבן זיין הספד אין נאמען פון אלע אויבן אויסגערעכנטע ארגאניזא־ציעס און פערזענלעכקייטן.

אויסער דעם, האט דער קאמיטעט באשלאסן איינצוארדענען צו די שלושים א גרויסע הזכרה און איינצולאדן צו איר אלע פארבאנדן און אנשטאלטן, וואס עקסיסטירן אין לאנד, און צווישן זיי, נאטירלעך, דעם צענטראלן און דעם חיפהער קאמיטעט פון דעם יידישן שריפטשטעלער־פארבאנד, מיט סוצקעווערן בראש".

★

עירית חיפה לציון העשור לפטירת דוד פינסקי, זכרונו לברכה

ביזמת חוג ידידי הסופר דוד פינסקי קבעה עירית חיפה לציון העשור לפטירת דוד פינסקי שני פרסי־ספרות על שם המנוח. האחד למחזה מקורי בעברית והאחר למחזה מתורגם מיידיש לעברית.

כמו־כן משתתפת עירית חיפה בהוצאת ה„יזכור לדוד פינסקי" בעברית וביידיש, הנמסר בזאת לצבור.

ידידי דוד פינסקי ידעו להכיר תודה לעירית חיפה על שנענתה לבקשתם.

★

די שטאט-פארוואלטונג פון חיפה צום צענטן יארצייט פון דוד פינסקי ז"ל

אויפן אינציאטיוו פון פריינט פון דוד פינסקי האט די שטאטפארוואלטונג פון חיפה באשטימט צוויי ליטעראטור־פרייזן אויף זיין נאמען. דעם איינעם אויף א פיעסע אין עברית און דעם אנדערן אויף א פיעסע, איבערזעצט פון יידיש אויף עברית.

די שטאט־פארוואלטונג באטייליקט זיך אויך אין די הוצאות ארויסצוגעבן דעם „יזכור לדוד פינסקי" אויף עברית און יידיש.

די פריינט פון דוד פינסקי דאנקן דער שטאט־פארוואלטונג פארן דערפילן זייער בקשה.

בספר:

- מכתבי דוד פינסקי ומעזבונו במקור ביידיש ובתרגום עברי.
- שניים משירי היינריך היינה בתרגום עברי ושיר מאת ש. שלום מתורגם ליידיש על ידי דוד פינסקי.
- על פינסקי: ראובן בריינין, פרופ' ב. דינור, ש. שלום, ל. קניג, אבא חושי, מנדל זינגר, שלמה רזניק.